STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02128

A LOMP AFN FENTSTER

Moishe Nadir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Мойше Надир. Москва. Март. 1927

מעשה
יאסל קאטלער
אַ לאָמפּ
אפן פענצטער

Copyright, 1929
by
Isaac Moishe Nadir
(Isaac Reiss)

פאַרלאַג „נאַראַיעוו"

Farlag "Narayev"
2277 Andrews Avenue
New York City

PRINTED AT
THE HEBREW MONOTYPE PRESS
NEW YORK

אַ לאָמפּ
אַפֿן
פענצטער

וואַרפט
אַ שטיקל
שיין
אַף

א) ברויט
ב) לעבן
ג) ליבע

דער רבי אלימלך

ווערטער און ניגון פון משה נאדיר

אלף

אַז דער רבי אלימלך איז געוואָרן זייער פריילאַך,
איז געוואָרן זייער פריילאַך אלימלך.
האָט ער אָנגעטון דאָס היטל, און דעם שבתדיקן קיטל,
און געשיקט נאָך די פידלער די צוויי.
די פידלדיקע פידלער האָבן פידלדיק געפידלט,
און פידלדיק געפידעלט האָבן זיי.
די פידלדיקע פידלער האָבן פידלדיק געפידלט–
אָט די פידלדיקע פידלער די צוויי.

בית

אַז דער רבי אלימלך, וכו'.
האָט ער געשיקט נאָך די פייקלער די צוויי.
ער האָט אויסגעטון די תפילין,
און אויסגעווישט די ברילן.
און געשיקט נאָך די פייקלער די צוויי.
די פייקלדיקע פייקלער. וכו'.

גימל

. . . האָט ער אָפּגעמאַכט די הבדלה,
און דער גבאי ר' נפתלי.
איז געלאָפן נאָך די צימבלער די צוויי
די צימבלדיקע צימבלער. וכו'.

דלית

. . ער האָט געטון אַ גוטן געניץ
און געזאָגט: „מ'דאַרף שוין מיין ניט!"
און געשיקט די קאַפּעליע אַ היים.
די שיכורע קאַפּעליע פון רבין מלך־עליע,
האָט אויסגעשטעלט דעם דלות אַ פייג.
די פריילאַכע קאַפּעליע האָט געהאָפּקעט ביז דער סטעליע
און זיך פאַרביטן מיט די קלאַפּערגעצייג.
די פידלדיקע פּויקער האָבן צימבלדיק געפידלט,
און בראָנפּענדיק געגאָסן זיך מיט וויין.
די לוסטיקע קלעזמאָרים מיט פלעשער אונטערן אָרם,
האָבן געהוליעט ביזן העלן טאָג אַריין.





א משפחה מיט יארן וועלן שטעלן א טריט און פון מיר וועט בלייבן א ליגן, א לעגענדע.

א טייל וועלן דערציילן, ווי פארדארבן איך בין געווען. אנדערע וועלן זאגן, אז איך בין אפשר געווען נישט אזוי שלעכט, ווי נאריש.

א טייל וועלן געדענקען, אז איך האב קיין גאט נישט געהאט. אנדערע וועלן זיך דערמאנען, אז מיין ווארט־בלוט איז שטענדיג פריש געווען, ווי וואויל איך האב מיך בארימט אז „מיין קבר איז געצירט און געפליטערט, אז מיין קבר איז א צירונג פאר מיר".

א טייל וועלן טראגן מיין פנים אין הארצן; אנדערע וועלן מיך משפטן לויט דער מאסקע וואס איך האב מיר אליין געמאכט און אנגעטון, וועלן דאפון מיין פארטרעט אויפשטעלן.

א טייל וועלן זאגן, אז איך האב געשריבן עלעגאנט און גוט; אנ־דערע — אז איך האב געשריבן לעפיש און גראב.

ווער עס וועט געדענקען, אז איך בין געווען א מענטש־לעסטערער, און ווער עס וועט געדענקען, אז איך בין געווען אן עלענדער, פארשלא־סענער מענטש.

ווער עס וועט געדענקען, אז איך האב מיך געטאפטשעט אין בלאט־קאלאך פון פרעמדע (און אייגענע) טרערן, און ווער עס וועט געדענקען, אז אין הונגער נאך דעם ברויט פון אמת זענען מיינע ליפן צעשפאלטן געווען.

א טייל האבן מיך געזען ליבע־מאכן; אנדערע האבן געזען מיינע פארדיקע קראוואטן, מיין שפאנישע פעלערינע. בלויז עטלאכע וועלן גע־דענקען ווי שווער די טעג זיינען געלעגן אף מיינע אקסלען.

א טייל וועלן געדענקען וויפיל מענטשן עס האבן זיך אמאל געטומלט ארום מיין טישל; אנדערע וועלן זיך דערמאנען, אז איך פלעג מיך שעה׳ן לאנג אין די קינסטלער־קאפייען ארומטראגן מיט א „גוט־נאוונט" און נישט האבן אים וואו אפצולייגן.

אלע וועלן זיין גערעכט.

אלע וועלן מיך האבן זייער גוט געקענט, נאכדעם ווי איך וועל זיין א ליגן, א לעגענדע.



אַז מיין פליש וועט זיין פארדארט, מיין בלוט אויסגעטריקנט, מיינע ביינער אפגעשלייפט, — דעמאלט וועל איך צו פיינער ליטעראטור ווערן: דופטיק ווי אַ פארוויאנעטע גרעזל; קלאר ווי דאס קול פון אַ קלארנעט; וואונדערלאך מיט דעם וואונדער פון אַ שאטן וואס רעדט פון דער ערד ארויס.

דעמאלט וועלן אפשר אַ טייל לעבעדיקע מענטשן מיין לעבן דער־פילן, — ווי דער טעם פון אַ וואלד וואס האט יונג אפגעברענט.

דערווייל אבער בין איך אין פליש אנגעטון. מיין פנים איז אַ טייל מענטשן נישט אנגענעם. מיינע אויגן גיבן־איבער אוינע ביטערקייטן וואס זיי שעפן פון מיין לעבן ארויס. נאר לעבעדיקע און דורך־זיך־זעענדיקע האבן מיך ליב.

איך בליק אריין אין מיינע טיפעניסן און עס הויבט־אן צו איבלען. דער קאפ ווערט גרינג — צום אראפפאלן; דאס הארץ דערשרעקט זיך. איך זע מיינע פארדארבנקייטן און בין יעדן איינעם חושד. איז יעדער איינער מיך חושד קריק. שרעק איך מיך צו שטיין אין דער הויך, און אראפ־גיין אין דער נידער האב איך מורא.

נאר צוליב וואס זאג איך דען דאס אלנדינג אין דריבנעס רש״י־כתב. אויב נישט צו באריימן זיך? אויב נישט אריינצושטעקן נאך אַ פעדערל אין דעם הוט וואס איז אמאל געלעגן אזוי פארשייט אף מיין פארשייטן קאפ?

ס'איז שפעט, קינדער, מ'דארף גיין שלאפן.

אַ גוטע נאכט!

משה נאדיר

געשריבן אין דער שטאט סי־געיט, וואס אין אמעריקע, נאוועמבער־חודש, יאר 1928.

בּרויט



באַ דער
וועלט
אַף טיי



טיי וועל איך טרינקען,
קיכלאַך וועל איך עסן,
אינם טאַטן נישט פאַרגעסן.

ניס וועל איך קנאַקן,
מאַראַנצן וועל איך שיילן,
און קיינעם נישט דאַרציילן.

רינדער וועל איך פיטערן,
לעמער וועל איך פאַשן,
און האָניק וועל איך נאַשן.

אַ ליבע וועל איך שפּילן
און האָבן גרויס פרייד,
איר וועט זעען מיינע רייד!

דער
חלום
גייט
אין
גאָלד

דער חלום גייט אין גאָלד:
מ'זעט בלויז פּיס און פערד.
אַן אָפּגעהאַקטע האַנט
האַלט אַן אַלטע שווערד.

הילאָ, הילו, הולאַיער.
דער טויט איז אַ באַפרייער.

אַף בוימער הענגען צילינדערס
און ווייסע שניפּס צעשפּרייט.
וואו זענען די הערן און דאַמען
וואָס האָבן דאָ פאַרביי גערייט?

הילאַ, הילו, הילאָ.
ס'איז קיינע מער נישטאָ.

די יעגערס און געיאָגטע,
די חיות און די לייט,
דורך בלוט און וויין גערונען
ע ס איז די שיינע צייט.

הילו, הילאַ, הילאָ.
ס'איז קיינער מער נישטאָ.

קאָרסעטן ליגן פאַרגעסן.
אַף פישביין־שטעקלאַך: ראָסט.
פאַרדעקט מיט טויטע צווייגן
און לייכט פאַרוויינטן פראָסט.

הילאָ, הילי, הילאַיער.
דער טויט איז אַ באַפרייער.

עס ציט דער טאָג צו נאַכט זיך.
די נאַכט ציט זיך צום טאָג,
אַ טויטע שפּין אויף יעדן
וואָגשאָל פון דער וואָג.

האָלאַ, האָלי, האָלו,
דער טויט איז ווייסע רו!



די
קוזשניע

1

די קוזשניע האָט דערוואַכט,
מיט ררי און רראַש,
און אויפגעוועקט די אָרימקייט אינמיטן רייך־ווערן.
דערזען אַרום זיך רעדער, שרויפן, רייפן,
טשוועקעס אַייגעזשאַווערט אין דעם אַייזנבלוט.
דערהערט ס'אומקריכן פון שאָטנס אַף פּידקאָוועס,
וואָס הייַנגען אַף דער וואַנט.
דער מאָרגנשאָרך איז אַף אַלטע אַקעראַייזנס אומגעגאַנגען,
געטאַפּט אַיעדער שטיקל אַייזן ביי דעם דופּק,
און אָפּגעזאָגט ס'לעבן דעם און יענעם.
שויבן־קובן זענען ווי אַ סטעלניק,
פול מיט געלן האָניק.
פייער. זון. האָניק. לעבן!
ררי. רראַש.
צוויי אַלטע לעדערנע לונגן הוסטן האַמז און העמז,
און בלישטשענדיקע הויפנס פינצטערניש ווערן פייער.
פונקען פינקלען.
ררי. רראַש.

2

די קוזשניע שוואַרצט. דער בלאָדזאַק זינגט.
דאָס רויט־פּליס וויל ווערן געשטאַלט.

האַמער זאָגט זיינס. קאָוואַדלע זאָגט אירס:
פּורם דיך, פּורמגעשטאַלט!
פּר־פּר־פּו,
פּורם דיך!
דער האַמער שווינג־שווינג,
דאָס אַייזן קלינג־קלינג.
פון טויטקייט צו לעבנגעשטאַלט.
פון פליסיקער אומרו—געפּענטעטע רו.
פון ליכטיקער אומרו—געפינצטערטע רו.
פון ררי און רראַש ווערט אַ רראָד.

3

די קוזשניע לעבט. דער שמיד שמידט אויס זיין לעבעדיקן טאָג—
פון אַייזן און פון שטאָל.
די אָנגעזאַפּטיקט־גרויסע מוסקלען פון זיין אָרעם
זינגען פון דער הויט אַפיר.
די שוואַרצלאַך־ברוינע הויט זינגט אויך איר ליד צום ראָד,
וואָס גיט זיך איבער צו גענאָד
פון קלינגענדיקע קלעפּ.
שווינג־שווינג. דאָס דאָרף רעדט.
אַ קימפּעטאָריך־קו ווײנט אין שטאַל.
אַן אָרים ביסל רויך ווײנט מיט צוויי־דריי פונקען
און שעמט זיך פאַר דעם מאָרגנשטערן.
אַ באַרנבוים שטייט אײנזאַם
אויפן ווייסן, נאָך־נישט־ווייסן וועג.
אַ קעצל ווישט זיך אויס די אויגן



און באַלעקט זיך מיט דעם פרישן טעם פון נייעם טאָג.
(ווי די קימפּעטאָריךקו באַלעקט זיך מיט דעם טעם פון זיך אַליין,
אויף דער פעל פון איר נייגעבוירן קאַלב).
דער פּויער לאָזט די וואַרימקייט פון ווייב־אונדבעט,
און גייט צו מיסט און צו קאַרטאָפּליעס.
העי, דו גאָרטן! האָסטו טריי געאַרבעט היינט ביינאַכט?
האָסטו זאַט געטרונקען פון דער טוי ביינאַכט?
העי, דו עמער ביי דעם ברונען,—גוטמאָרגן דיר!
העי, איר קאַנטשיק־צעפּעס אַפן דרעש־דיל—אַ גוטמאָרגן!

יאָנטעף



סי וועט זיין ניינצן טעג יאָנטעף,
רויט מיט זון און מיט וויין;
אַ גרויסער און וויכטיקער
יאָנטעף וועט זיין.

סי וועט ליגן די וועלט אין קימפּעט,
אין גרויסע ווייען, אין גלות;
ס'וועט שמעקן לעקעך און בראַנפן,
מאַראַנצן און בלוט.

סי וועט הייגען אַ שיראַמיילעס
און אַ מאַזל־טויוו,
ס'וועט היטן די קראַנקע מוטער:
מלאך סימאַנגילויף.

קינדער וועלן לייענען קרישמע,
מ'עט טיילן אַרבעס פון די טעפּ;
ס'וועט זיין ניינצן טעג יאָנטעף,
הינט וועלן טראָגן גאַנצע קעפּ.

די
אַלטע

די אַלטע זיצט אַף אַ צעבּראָכענעם זייל,
רויכערט אַ ציגאַר, טראָגט אַ צילינדער.
אַרום איר שטייען אין ערפאָרכט
אירע געטרייע קינדער.

זי זיצט בּאַ צעקרישלטע ווענט.
בּאַ די זייטן—צוויי בּלינדע יעוונוכן.
זיי העקלען זאָקן מיטליידיקע הענט
און זי—זאָגט שפרוכן.

אַ פעלדשלאַנג טראָגט אַ זשאַבּע אין מויל.
אַ קאַץ גייט צו קינד מיט קעצלאַך;
די אַלטע זיצט אַף אַ צעבּראָכענעם זייל,
לעקט האָניק פון פאַיאַנסענע טעצלאַך.

צו
זיין
דורכגעלויכטענקייט
דעם
האָריפּאַשניק.

1

אײַך אַלע דורכגעלויכטענע
מײַן בריוו:
דורכגעלויכטענע הויכקייטן
פֿון נאָדלשער, האַמער, אָפּצווענגע,
פֿעלדרײַסערס, שלאָסערס,
פֿלאַקסשפּינערס, קעסלהייצערס,
ערד־גראָבערס, האָלצהעקערס,—
איר אַלע דורכגעלויכטן אין פֿײַערן
פֿון קוזשניעס,
אין די פֿײַערן פֿון הונגער, אין די פֿײַערן פֿון צאָרן
אין די בויכפֿײַערן פֿון דאַמפֿערס.

איר אַלע הויכקייטן—
דערהויכט און דערהויבן דורך בערג פֿון אָנגעשטעפּטע אַרבל.
דורך בערג פֿון אײַזן, קופּער, בליי, מאַנגאַניט,
בלעך, טשוועקעס, צילינ־טאַרטער, קוילן;
בערג פֿון קוקורוז, קאָרן, ווייץ און ווײַנטרויבן,
בערג פֿון פֿויגל־מילך און לעוואָנע־שיסעלאַך.
אײַך אַלע, אַלע, דורכגעלויכטענע פֿון פֿײַער,

דערהויבענע, מאַכטיקע,
אײַך אַלע פֿאַרבעט איך שײן,
זיך צו זעצן בײַ דעם לאַנגען שמאָלן טיש,
וואָס מײַן געדאַנק האָט געגרייט פֿאַר אײַך,
ווי פֿאַר די הייליקע צוועלף אַפּאָסטאָלן.

2

דאָס צימער וואו מיר אַלע דורכגעלויכטענע
זיצן, איז שמאָל און לאַנג.
העט־אויבן ברענט אַ לעמפּל, ווי אַ געפּלאַצטע נול,
די גרויס פֿון אַ האַרץ.
ווײַרויך־טוי פֿון אַ פֿאַרשלאָפֿענעם פֿרימאָרגן
ווײַנט איבער אונזערע הענט, וואָס ליגן אױפֿן טיש.
דער אָנהויב צעקלינגט זיך אין גרינגע גלעקלעך אין אונזערע בלוט־
געפֿעסן.
פֿון ווײַטן, דורך לאַנגע, גרינגעפֿאַרבטע שויבן
איז דער ים, אין יעסורעמדיקע טורעמס.
עס איז אָנהויב טאָג.
זון גייט־אויף פֿון וואַסער־וויגל,
דער עלטסטער פֿון די דורכגעלויכטענע
גיט אַ מאַך מיט דער האָריקער האַנט צום ים:
„געגוגו! מ'האָט שוין געזען אַזוינס!"
דער ים לייגט זיך און ווערט אַנטשלאָפֿן ווי אַ קעצל.



זיין צונג לעקט, אין אויוורבאָטלדיקער גוטסקייט,
דאָס ביסל זאַמד באַ די ווייבערשע ברעגעס
און ס'ביסל זון.

און מיר אַלע אַפּאָסטאָלן זיצן באַ דעם לאַנגען טיש,
געדעקט מיט אַטלעסענע שאָטנס פון אונזערע שטערנס,
מיט צווייגן פון אונזערע פינגער,
מיט טרויבנהענגלעך פון אונזערע האָר.

מיר זיצן שטיל,
אין אַ באַוואָפנטער בלאָער שטילקייט אָנגעטון,
ווי אין געבלאַנקטע פּאַנצערס.
ווייל אין אונזערע שוואַרצאַפּלען איז שוין מאָרגן.

3

ברידער, חברים.
יונגע דיכטער.
יונגע יונגען, מוידן, קוים דערגאַנגענע צו יונגשאַפט,
דורך בערג מיט עלטער־זיידעס, עלטער־עלטער־באָבעס,
צו אַייך אַלע חברים, פרייע פייגל—מיין גרוס,
מיין בעכער־אויפהויב, צו אַייך אַפּאָסטאָלן פון האַק־און־האַמער.
איבער אַייך, ווי קאָנפעטי, וואַרפט דער יונגער טאָג,

אַ לאַנגן ליינפאָדים אַ לויטערן,
וואָס פּענטעט אונזער אויג צום הימל.

צו אײַך אַלע ווערטערבויער, שריפטמאַכער,
סטעלמאַכעס פון וואָרט, שמידן פון געדאַנק–
זייגערמאַכערס פון סינטאַקס,
מיין בעכער־אויפהויב,
מיין הייליקער זשעסט.
אַ ליכטיקע ברכה פון מויל וואָס האָט זיך נישט
ווי אַ גנב באַהאַלטן אין אַ באָרד:
חברים. לאָז דאָס וואָרט אײַערס זיין אַ רונדער ראָד צום וואָגן.
יעדער וואָרט–אַ קיילעכדיקס, אַ פעסטס.
מיט שפּינטן און מיט שטאַבים און מיט רייפן,
אַ יעדער וואָרט אַ ראָד צום וואָגן, וואָס פירט צום ציל.

דער געדאַנק אַליין–אַ גלייכע אַקס.
ברייטע לייטערס באַ די זייטן: דער מאָטיף.
און פייערדיקע פערד אין האַנט,
פאַרבונדן מיט דעם פאָדים ליכט,
וואָס פּענטעט האַרץ צו ערד
און אויג צום הימל.

4

אָ, יונגע דיכטער, חברים, יונגע יונגען, מוידן,
באַלמעלאָכעס פון דער פּען,
טאָקערס פונם וואָרט,

שטעפּערס פון די שיינע שורעלעך,
מעסערשלײפערס פון שנאה,
אַף אײַך, אַף אײַך אַליין מיין האָפנונג.

5

בלימלאַך געשאָכטענע—
זיי האָבן פראַנטישע לאַצן געצירט, דורך יאָרן.
און ווער האָט באַזונגען געקוילעטע רויזן אין פראַנטישע לאַצן?
די זינגער־קויהאַנים!

נאַכטיגלעס, פויגלען אַזוינע, וואָס זינגען מעכאַיע־נעפאָשעס,
זיי האָבן געזונגען אין וועלדער.
און ווער האָט זייער זינגען באַזונגען?
די זינגער־קויהאַנים!
און ווער האָט די נאַכטיגלעס, די העלזער געשניטן
געבראָטן אַף פּוטער, געקרעפּטיקט דאָס האַרץ זיך,
כדי זינגען צו קענען?
די זינגער־קויהאַנים!

און ווער האָט געבעטלט תכריכים פאַר טויטע
און ברויט—פאַר אונז אַלע?
די זינגער־קויהאַנים!

ניט אַזוי אָבער מיר דאָ באַם טיש,
מיר זיינען די זינגערס פון מיטוואָכטעג פּראָסטע,
מיר זינגען נישט איבער דאָס ליד פון דעם פויגל,
און שניידן זיין האַלז נישט.



6

נאָכאַמאָל, חברים אַפּאָסטאָלן,
נביאים פון ברויט און פּראַצע;
אַף אַייך מיין ברכה!
אָפּגעציילעמט מיט מזוזה אַף מזוזה,
אַלע קלויסטער־גלעקער אין דער לופטן אויסגעלענקט די פּיס,
ווי ציין אַרויסגעריסן די „טעדעאומס" פון די אומפאַרשעמטע
גלעקער.
איצטער ווערט דאָ הייליק ברויט געבראָכן.
דורכגעלויכטענע, דערהויבענע חברים מיינע.
גלייך אַף גלייך דאָס ברעקל ברויט,
גלייך־אַף־גלייך דאָס ביסל נויט,
גלייך־אַף־גלייך (כמעט) דאָס ביסל טויט.
באַ דער מאַטקעבאָזשע די דימענט־אויגן אויסגעריסן.
באַם שר־צבאות דאָס פּרוכת אָפּגענומען
פון זיין „אָרון־קודש".
די פּעלישטים־פירמע פון „אַדאָשעם עט זון"
געטריבן צו באַנקראָט.
דאָס נייע וואָרט אַהער, חברים!
דאָס וואָרט וואָס איז נישט מער קיין גאָלדן קישעלע
הינטער אַ געליבטערס איידעלן געזעס,
נאָר אַ וואָרט—אַ ראָד!
אַ וואָרט—אַ רידל!
אַ וואָרט—אַ האַק!

7

חברים, דער טיש איז ריין, דאָס ברויט איז אָפּגעגעסן.
איצט זאָל יעדער אויפהויבן אַ שווערד פון טיש
אַף אויסצושטעכן זיך די ציין,
און בענטשן מיט מזומן בענטשן מיר אַזוי:
„יהי שם ד'״, גאָטס נאָמען איז ווייט פון אונז.
מיר בענטשן ניט דעם האַר פון הימל,
פאַר זיין גרויס פאַרמעג און רייכע ביזנעס.
מיר בענטשן אָבער יאָ:
דער האַר פון דר'ערד, פאַר האַרטע הענט און פינגער.
פאַר אַקערן און זייען,
פאַר לאַטן און נייען,
פאַר רייסן קראָפּיווע
און רייניקן דעם וויינטרויב.
נאָר אים אַליין, נאָר אונז אַליין,
בענטשן מיר מיט בענטשונג
פון טוי וואָס וויינט אַף שווערע הענט
אין פריע אינדערפריען.
מיט בענטשונג פון פרישן בלויען שניי
אַף סטעפּעס.
מיט בענטשונג פון אַ ווינט אַ פּראָלעטאַרישן
וואָס נעמט דעם קוימען אַף די ציין און פייפט.—
אָט אַזוי בענטשן מיר, חברים, שוסטערס, שניידערס, שרייבערס,
יעדער איינער וואָס פעדימט־איין אַ פאָדים אין אַ נאָדל,
אַ קויל אין ביקס,



אַ וואָרט אין שפּיץ פון פּען,
אַ ציגל אין אַ וואַנט.

8

ס'איז צו ענד דאָס הייליקע מאָלצייט
פון די צוועלף אַפּאָסטאָלן פון ברויט מיט זאַלץ.

און קוקט נאָר צו:
איבער אונזער לאַנגן טיש
גייט גאָט אַ היים,
ווי אַ נאַכטוואַנדלער אין ווייסן שלאָפהעמד,
באַגלייט פון זיין קויטיק־ווייסען שעפּעלע
און לאָזט אונז גריסן.–

פרוכט
פון
דר'ערד.

קוקורוזעס מיט ווייסע בערד
זיינען זיידעלאַך יונגע, קלוגע–
וואָס גייען פון דער אַרבעט אַהיים
מיט אָוונטזון אויף די בערדלאַך.

די יונגע זקנים פלאַמען,
רויטלעדזיך מיט אָנקום פון דער נאַכט,
און איבער אַלעמען און אַלעם–
איז אַ רירנדיקע פראַכט.

קוקורוזעס האָבן געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג,
געשטאַנען אין דער היץ און שטיל געוואַקסן.
איצטער שפאַנט דער לאַנגער ווינט פ אָ ר א ו י ס
און אַלע קוקן אים אַריבער איבער די אַקסלען.

קוקורוזעס ציען זיך אַהין, אַהין,–
וואו עס ווייזקאָן די קלוגע בערדלאַך;
יונגע זעלנער–אַלע אין מונדיר,
שאָרכן שטיל פאַרביי מיט גרינע שווערדלאַך!

באַנדורע־מאַן

האָט איר געהערט, מײַנע ליבע לײַט,
שפּילן אוקראַינער באַנדורע־מאַן?
זײַן ליד גײט אַזוי:

בין, בין, בין,
באָנע, בואַן.

די בעטלערס אַף די באַזאַרן,
דערצײלן פון אַ העלדישן שטאַם,
דערצײלן עס צום גראַם.

בין, בין בין,
באָנע, בואַן!

איך פלעג אָפּשטיין שעה'ן אין כאַרקעוו—
אַף דער בריק לעבן פּאַסאַזש,
און נאָכשרייבן מיט מיין קאַראַנדאַש:

בין, בין, בין,
באָנע, בואַן!

הער
נאָר,
דו
וואַלד!

גזלנים זענען באַפאַלן דעם וואַלד אין מיטן העלן טאָג,
מ׳שלאָגט אים איבער די פיס—מיט בלאַנקע העק.
דער וואַלד קרעכצט און וויינט—
מיט טרערן אַף גרינע בלעטער.

אָך, וואַלד! וואַלד!
דו האָסט דאָך אַ גרויסע משפחה, וואַלד.
דו לייעסט דאָך אַליין אַ האַנט צו דיין שונא—
די האַק וואָס באַפאַלט דיך!

נעמוזשע, דו וואַלד,
צינד דיך אָן!
ברען און פאַרברען דיין אייגענע האַנט
דיין פאַרשאָלטענעם ברודער.

אַף יענעם וואָס ברעכט דיין לעבן,
מיט דער הילף פון דיין פאַרשאָלטענעם ברודער—
אַף אים טו אַ פאַל מיט דיין גאַנצן געוואַלט,
דו דעמב, דו ריז, דו וואַלד!

נו, וואַלד, וואַלד!
גיב דיך אַ ריר, וואַלד!
סי ווערט שפעט, וואַלד!

אָרגיע

דאָס טישטוך איז פֿאַרגאָסן מיט וויין,
און איבערגעקערט די לייכטער.
די ראָזשינקעס און די מאַנדלען
טומלען זיך ביי ליידיקע בעכער.

אַפֿן בעט זענען לײלאַכער צודרייט,
די אָפֿענע פּיאַנאָ לאַכט מיט טויטע ציין.
פֿונם ווינקעלע וואו דער בעזים שטייט,
קוקט אַ קליינטשיק מייזעלע אַריין.

ס׳איז נאָך דער שׂמחה.
רויטמאָרגן קומט מיט לעש־פּאַפּיר פֿאַרמעקן:
אַף דעם דיל די טייכלאַך וויין,
אַפֿן טיש—די חלבנע פלעקן.

סי שלאָפֿט די שטוב, דער דיל איז שכור,
אַזוי ווי די באַלעבאַטים זענען.
און פֿון אַ קאַפּעדיק, געפֿאַלן לעכט,
הויבט אַ ברעג פֿון טישטוך אָן צו ברענען.

זיבן
געהאַנגענע



זיבן געהאַנגענע העמדער
היינגן אַף אַ פּלויט.
זאָל דאָס זיין דער טויט
דער ווילד־פרעמדער?

עס וויינען די קעלנער
נאָך דער אַלטער,
זיסער ברודיקייט.
עס קוועלן די העלע בייכער,
און בלאָזדיק־אויף
מיט גאוה.

נאָר די טויטמידע אַרבל,
רירן זיך צוביסלאַך
און מאַכן עס אַוועק מיט דער האַנט:
—כאַפּט עס דער רוח!

ליד
פון
געפאַנגענעם

איך האָב דרײַ מײַזעלאַך,
זאָלן זײַן געזונט.
רוף איך זײ מיט נעמען.
אײנס הײסט: פ ר י ל י נ ג ל.
דאָס אַנדערע: מ אַ מ ע ל ע.
דאָס דריטע: ק י נ ד ע ל ע.

אַלע דרײַ קומען אין מײַן קעמערל,
קוקן מיר אין די אויגן אַרײַן,
ברײנגען מיר שטיקלאַך טרײסט,
וואָס זײ גראַבלען צענויף
הינטער די תפיסה־דילן,
און זײ זאָגן מיט די אײגעלאַך:
„סי וועט נאָך זײַן גוט,
סי וועט נאָך זײַן גוט!"

איך גלעט מײַנע דרײַ מײַזעלאַך,
קוש זײ אין די אײגעלאַך:
פרילינג, מאַמעלע, קינדעלע!

דערנאָך טײל איך מיך מיט זײ
מיט קרישקעלאַך אַלט־געבאַקן ברויט.

אַז זיי הערן דעם וועכטער גיין,
צעלויפן זיי זיך אַלע אין די לעכער,
און מיין האָפנונג אַנטלויפט אויך מיט זיי.

איך בלייב אַליין.
אַ לעבעדיקער מענטש אין אַ טאָפּ פון שטיין.
און איך בענק:
נאָך מיין מאַמען, נאָך מיין קינד, נאָך מיין פרילינג,
נאָך מיינע דריי מייזעלאַך.



אַזוי
צי
אַזוי

וואָס סי וועט זיין, וועט זיין,
נאָר אַ שמחה דאַרף האָבן וויין.
וויין דאַרף מען האָבן צום טיש,
און פרייטיק אַ שטיקעלע פיש,

וואָס סי וועט זיין, וועט זיין,
נאָר פיין וועט עס זיין, אַז ס'עט זיין —
אַ ליולקע און אויך אַ מאַדאַם,
וואָס האָט אַזאַ טערפקען טעם.

וואָס סי וועט זיין, וועט זיין,
אַ פאָנאָגראַף אָבער מוז זיין,
צום ריטם פון נעגער־מוזיק
מוז היינגען מיין גליק אַף אַ שטריק.

בירָא־בידזשאַן

1

איך בליק קריק איבער מיין אַקסל און איך זע: די פעטע ערד
פון אוקראינע, ווייסרוסלאַנד, קאַווקאַז, קריוואָיראָג, דזשאַנקאָי—
אין אונזער פינקלדיקן פאַרבאַנד פון פעלקער.

אַף פעלדער וואַקסן אַרבוזעס, ברויט און קאַרטאָפל.
פראָסע וואַקסט. שטילקייט בליט פון דר'ערד אַרויס
מיט טויזנטער געצווייג, מיט טויזנט זאָרג און זונען.

דאָס אויג איז צום הימל, וואָס איז אויסגעליידיקט פום אַלטן גאָט.
דער רעגן קומט נישט פון יעהאָוואַס טרערן.
דער ווינט און דער בליץ קומען נישט ווייל סי גרימט דער צאָרן
אין זיינע נאָזלעכער.

דאָס ווייסן שוין אַלע. אַפילו די אַלטע באָבעס,
וואָס זיצן אַף די פריזבעס און העקלען טעג
מיט ביינערדיקע, ליידיקע פינגער,
און קייען זון און חלומות, און דעם טעם פון קינפטיקער גערעטעניש
אַף קינדער־און־אייניקלאַכס פעלדער.

די יונגט אָבער האַלט שבת אַפן טראַקטאָר,
בענטשט מזומן מיט די קעלבלאַך און מיט די פערד,



אין זייערע האַרטע הענט זינגען די מילכציצן פון די קי,
ווי די גילדענסטע גיטאַרעס.

דער פאַרלאָשענער ניידע האָט מיטגעבראַכט אַ חומשל פון פאָל־
טאַווע.
זיצט ער צישן פליגן און אומעט, קוויקט זיך דאָס אַלטע האַרץ
מיט די מכות, וואָס פרעה דער צאַר פון מצרים
האָט געלייזט פון אונז אידן—עכ־כע־כע!

דער חומש פון די יונגע אויגן אידישע—
איז דאָס אָפענע גרינע פעלד מיט פּאַפּשוי.
דאָרטן ציטערן אַזוינע ליכטיקע פסוקים.
אַזונע גריידגראָווע מאמרים מיט ניידענע בערד.

די שטיקלעך שטיבלאַך, מיט די שטרויענע דעכער
וואָס מ׳האָט אין אײלעניש
אַרויפגעוואָרפן פון אויבן—נישט געהאַט קיין צייט אַרומצעשניידן
באַ די ברעגעס,
דאָרט, אין יענע אָרעמע שטיבלאַך, גייט אַ וועלט צו קינד.
און די באָבעס זיצן אַף די פריזבעס און העקלען
שבתים־טעג,
מיט ליידיקע פינגער.

2

שבת פאַרעכאַכט באַם נייעם ברונען.
אַרום אים שטייט ס׳גאַנצע דאָרף מיט מענטשן,



מ׳לויבט דעם „זשיראַף״, וואָס שטעקט זיין נאָז אַריין אין טיפן ברונען,
און ברייגט אַרויף אַן עמער וואַסער פינקלדיקס.
די נייע וויאַדרע איז לוסטיק, ווי די בשורה
פון אַ גוט געדעטעניש אין די וויינגערטנער, אין די פעלדער.
יעדער פאַרזוכט אַ טראָפּן וואַסער, פון דער נייער בלעכענער
קוואָרט.
פאַמעלאַכן און טראָפּנווייז, ווי ווייַן.

דאָס געזאַנג פון אידישע אויגן שבת פאַרנאַכט גייט אַזוי:
„די מאַכט פון סאָוועטן און זיס וואַסער.
סערפּ און האַמער און ברויט פאַר אונז אַלעמען,
מיט די אייגענע הענט פון דער ערד אַרויסבאַקומען,—
איז געבענטשט אונזער טאָג דאָ אַף דער קאָלאָניע
באַ דעם נייעם ברונען,
באַ דעם יונגען קוואַל, וואָס איז דער צייכן
פון דער שפע און פון דער אייביקייט פון אַרבעט״.

3

אַף פלאַכן פון דזשאַנקאָי, באַ די קאַווקאַזער בערג,
אין ביראָ־בידזשאַן, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד.
אין קאַלינינדאָרף, שדי־מנוחה,
אין „יונגברויט״ און מענדעלדאָרף,
אין קריוואָיראָג און ביי אָדעס און ביים אַזאָווישן ים,
אומעטום פאַרזייט זיך אונזער אידיש פויעריש לעבן.

נישט קיין העלדן אַף פּיעדעסטאַלן צו שטעלן
זענען אונזערע מרגלים און פּיאָנערן.

נישט קיין זיידענע זין און סאַמעטענע טעכטער,
וואָס וואַרפן צאָן־צווענגל, סטעטאָסקאָפּ, פידלען און האַרפּעס,
גאָלדגעדרוקטע דיפּלאָמעס און איידעלע טאַטע־מאַמעס,
און לאָזן זיך אַף די שליאַכן פונם אַמאָליקן לאַנד פון די פּלשתים,
ווי אַ הייליקער מעניך גייט צו דער שטאָט פון די קרעציקע,
מער זיין פרומען טויט אַקעגנצוגיין, ווי זיין זינדיק לעבן;

אונזערע האָט די שטייפע נויט אַהערגעבראַכט,
פון חרובע גערטנער און פּרנסות,
פון אַ ליידיק־גייען וואָס זשאַווערט־אויס די טעג
און מאַכט שווער די נעכט, ווי אַף קישנס פון אַייזן, —
פון אַ שלעכטן שם, וואָס איז ווי אַ געשוויר
אונטערן אָרעם פון אַ פאָלק.

דאַפאַר איז ביים יונגען ברונען ס׳פרישע וואַסער
זיס ווי מילך און וויין,
און מ׳טרינקט עס טראָפּנווייז.
און דער קליינער, אויסגעלאָשענער זיידע וואָס האָט מיטגעבראַכט
אַ חומש׳ל פון פּאָלטאַווע,
און די באָבע וואָס זיצט אַף דער פריזבע און העקלט טעג,
מיט ליידיקע פינגער,
שטייעןביידע אָנגעטאָן אין זייערע שבתדיקע בגדים,
טרינקען פון דעם וואַסער פון דעם יונגען ברונען
און מאַכן אַ ברכה
„שהחינו“.

צי דעם וואָס קומט אַף אַ פערד



רייטער, רייטער. ווייטער!
נישט דאָ איז דיר אַ פּלאַץ,
דאָ גייען דיר אַנטקעגן
נאָר ציג און צויג און קאַץ.

דאָ שפּילט נישט קיין קאַפּעליע
אַז דו קומסט אַריין,
דאָ גייט מען נישט אַנטקעגן
מיט ברויט און זאַלץ און ווייַן.

רייטער, רייטער, ווייטער!
טראָג דיך אין דיין שטויב,
עס האָט פאַר דיר דאָ קיינער
קיין ליבשאַפט און קיין לויב.

דאָ גייט אַרום דער שבת
אַ באָרוויסער, אָן ברויט
ווען אומעטום איז יאָנטעף
איז דאָ־הי חול־המועד.

דאָ זעט מען נישט דעם רייטער,
דאָ שעלט מען נאָר דעם שטויב,
און טעג אַזוי ווי רענדלאַך
צעטרענצלט מען אַף שטויב.

אָ, רייטער, רייטער. ווייטער!
נישט זשאַלעווע דיין פערד,
עס גיט נאָך גאָלד און גערטנער
אַ סך אַף אונזער ערד!

אַ נדבה

שענקט אַביסל רויך
אַן אָרעמן קוימן,
וואָס האָט שוין העכער דריי חדשים
קיין מויל רויך נישט פאַרזוכט.
קיין ברעקל פונק נישט טועם געווען,
קיין לעק פייער נישט געזען פאַר די אויגן!

דעם שכנ'ס אויוון ברענט אַ וועלט,
זיין קוימן וואַרגט זיך אַזש מיט קנוילן רויך.

איך איינער שטיי פאַרשעמט,
אין הויכן הונגער.
האָב נאָך היינט גאָרנישט
אין מיין מויל געהאַט.
אַ חוץ אַ ביסל ווינט דאָרטן,
אַ טראָפּן שפּין,
אַ לעק זון.

האָט רחמנות אַף אָרעמן אַלטן קוימן,
ליבע מענטשן,
שענקט אַ ביסל רויך, וועט אייך גאָט דערפאַר בענטשן!



נויאָרק
באַנאַכט

דער מאַסקאַראַד פון נאַכט איז אַף אַלע שויבן
פון נויאָרק.
קעסטלעך מיט ליכטיקן טרויער, איידעלע האָפנונגען,
זענען אַף די טאַפּליעס פון מיליאָנען פענצטער.
אַזוי פיל ריינע נאַכט!
אַזוי פיל פיינע פראַכט!

הינטער די שויבן?
אפשר זענען ווענט געל מיט לאַנגווייל פון פראַצע.
אפשר זענען טירנהענטלאַך מיד און שרייבשליסלען פאַרשלאָפן,
אומרואיק פון די צעקיצלטע פינגער פון וואַרעמע מיידלאַך?

אפשר ציילט מען דאָרט גאָלד, אפשר פלאַנט מען דאָרט מאָרד?
אפשר האַלט אַף זיין שויס אַ קראַנקער ביזנעסמאַן
זיין שרייבמאַשין־מיידל
און שמעקט צו איר לייב, צום שווייס פון זיין פראָצענט
צו אירע בלאָ־אָדערדיקע הענט?

די נאַכט איז פאַלש און שיין, ווי נאַפקע אַף בראָדוויי.
אַ שטילער שטערן דאָ און דאָרט וואַרפט אַריין אַ וואָרט.
נאָר עדיסאָנס לעקטרישע זונען שרייען שטאַרקער, בלענדן
העכער
איבער דער שטאָט—ווי צעהאַנגענע אויגן פון פאַרפייניקטע קנעכט.

נויאָרק שלאָפט מיט שפּיציק אויפגעשטעלטע קניעס וואָס גרייכן
ביז צום הימל.
גאָטס ווייסע בעלמע–די לבנה,
טוט קרום אַ בליק אַף די ברענענדיקע
טורמס פון „ווייסן וועג",
און טראָגט זיך אָפּ
פאַרשעמט.

עס שמעקט מיט ווײַן און ווײַב און מאָרד און שווייס: שפּײַז פאַר
וואָלוועלע גאַסנבלעטער.
נויאָרק שלאָפט מיטן שיינעם שווינדל פון דער נאַכט אַף אַלע אירע
שויבן!

אירע פּיאַטעס זענען נאַס און געקיצלט מיט ים באַם „באַטערי
פּאַרק".
איר קאָפּ איז הויך און תכליתדיק פאַראידישט אין די בראָנקס.
אַ בלינדע האַנט פון שטיין, האַלט אַן איינזאַם פאַקל
און ווייזט דעם וועג.



צוויי
ברידער

צוויי הויזן צוויי אַרבל–לעבן זיך ברידערליך,
די הויך און די נידער–זיי זענען צוויי ברידער.

צוויי הויזן, צוויי אַרבל–צוויי פיס און צוויי הענט.
עס האָבן די פינגער, די פינגער דערקענט.
זיי טראָגן דאָך ביידע דאָס אייגענע העמד,
און בלאָנזשען אַרום אין דער אייגענער פרעמד!

בעטלער
דע־לוקס

אַפּן פּלייצע אַ זײַדענע טאָרבע
מיט קאַוויאַר און ווײַן,
אַזוי איז גוט צו פוס
איבער דער וועלט צו גיין.

שטיוול פון געגלאַנצטן לאַק
און העניטשקעס פון לעדער,
וועט פאַר מיר זיך בוקן
אומעטום, אַ יעדער.

אַז איכל גיין איבער די הייזער,
וועלן אַלע הויבן די היט,
וועט מיר געבן געלט און כבוד
און מיר וועט זיין זייער גוט.



די
תפלה
פון
אַ פאַרנומענעם
מענטשן

אַז איך בין אַ פאַרנומענער מענטש
ווייסטו גאַנץ גוט, רבונו של עולם.
איך דאַרף אויסהאַלטן אַ טאַטן אַ בלינדן
און אַ ווייב מיט קינדער.

איצט איז שוין באַלד טאָג,
איך מוז לויפן אַפן יאַריד קיין אָלמיץ.
(דו ווייסט וואו דאָס איז, ליבער גאָט.—
עס איז דיזעלבע שטאָט וואו איך האָב געקויפט די יאַלעווקע).

קיין סך דאַווענען קען איך דיר היינט נישט,
זאָג איך דיר קורץ, ליבער גאָט:
אַף דיינע הענט לאָז איך איבער אַן אַלטן טאַטן
אַ סאַגינאָהער.
זע טו אים ניט קיין שלעכטס,
ווי דו האָסט געטאָן מיין מאַמען
אים צו לייגערע יאָר.—

דער
טעלעסקאָפּ־מאַן



דער טעלעסקאָפּ־מאַן איז אַלט און אָרעם.
זיין פּרנסה איז אַן איידעלע און אַ שווערע,
שטייט ער דאָ אַף יוניאָן־סקוועזר און רופט:
„פּאַר אַ פּעני קוקן אַף די שטערן!"

קומט איינער מיט אַ זעג. איינער מיט אַ פּעקל.
בלייבן שטיין. הערן ווי ער זאָגט „יופּיטער".
און דערקלערט דעם גאַנג פון אַלע וועלטן,
ווי אַ הימלקענער אַ געניטער.

רוקט־זיך־צו דער איינער מיט דער זעג,
קוקט אַרויף צום הימל פּאַר אַ פּעני.
קומט אַן אַלטיטשקע צו גיין, און מאַכט
מיט די ליפּן ווי באַם צענע־ווערענע.

יענער מיטן פּעקל שטייט געהאָרבעט הינטער אים.
העלפּט אים קוקן פּאַר אַ פּעני צום יופּיטער.
און אַלע פיר צעטיילן זיך דערנאָך
מיט דער שיינקייט און די וואונדער פון יופּיטער.

דערקענטעניש

אין טונקעל פֿון טונעלן
מיט קראַכעדיקע באַנען,
האָט אויפֿגעבליצט די וואָר,
דאָס וויסן דעם פֿונוואַנען.

אין די טונקלען מײַנע
האָט עפּעס זיך דערקלערט.
די שטילקייט אין דעם שרייען
האָט די הויט דערהערט.

דער זאָמען פֿון די זונען,
דער קערן פֿון דער נאַכט,
אין מײַנע אויגנאַפּלען
האָט ברוין און גוט געלאַכט.

אַלע וואוילע ווייען
פֿון מײַן טונקלעם דאָ,
דערציטערט צו דערפֿרייען
די שטערנדיקע שעה.

ר׳ שלמה׳לע ספרדי



I

לויט דער מינע,
מיט וועלכער רבי שלמה׳לע ספרדי
האָט אויפגעשטאָכן דאָס קניזשיקל
אַף אַ זילבערן גאָפּעלע,
אָנגעטון די ברילן און עס באַטראַכט בײם לאָמפּ,
פאַרנומען די באָרד אָן אַ זײט,
כדי זי זאָל נישט זײן אין וועג,
און סוף־כל־סוף פאַרהויבן אַ וואָנטשע
און פּאַוואָלי אַרײַנגעלאָזט דאָס קניזשיקל
אין אײדעלן מויל אַרײַן,—
האָט מען געקענט מײנען
מי יודע וואָס ער גײט מאַכן דאַפון!

II

דאָס זענען די רײד פון ר׳ שלמה׳לע ספרדי.
צו זײן װײַב שרה:
נעם דאָס קטן׳דיקע גלעזל,
שטעק אַרײַן אַהין מ׳גראָבן פינגער,
גיס־אָן חצי װײַן און חצי וואַסער
און אַ ביסל נישט פול,
און גיב דאָס דעם שבת־גוי
פאַר לעשן ס׳ברענענדיקע טישטעך.

אונזער
דרוקערײ



אין אונזער „פרײהײט״-דרוקערײ ברענען
צעגליהעטע מאַשינען פילערלײ.
זײ װעצן איבער אונזער פּראָסטע װאָרט
אַף הײסן בלײ.

דאָס פײער שמעקט מיט אונזער יונגן מוט,
און מיר—מיט פרײען פלײס,
מיר גיבן־איבער אַפן טעגליך בלאַט,
אַלעס װאָס איז רויט און הײס.

דער שאָפּ איז פול מיט רויך און שװערן שטויב,
די לופט איז פול מיט אונזער װאָרט.
דאָס לאַנד איז פול מיט אומגליק און מיט רויב,
דער טאָג איז זאַט מיט מאָרד.

סי װײנט פּאַפּיר און סי שרײט די טינט:
„אונזער ברויט איז אַײנגענעצט אין רויט״,
איבער אונזערע קעפּ—װי קלאַפּער־שלענג
עס הענגט דער טויט.

מיין בעטלערזאַק

אַף אַ טאַשמע פון איך־סוף,
אַף דעם רעגנבויגן, הענג איך אויף
מיין פידל און מיין האַק
און מיין בעטלערזאַק.

זאָלן פאַר אַלע מענטשנס אויגן,
די דריי הענגען אַף דעם רעגנבויגן,
צום צייכן: פון גזאַנג און פון טויט,
און פון דעם בידנעם שטיקל ברויט.

והלא
מי־רגלים
יפים לך

דער כהן־גדול
איז פֿאַרטשאַדעט,
פֿון דעם הייסן פֿעטס
וואָס שפּריצט אַף די שטיינער.

גייט אַרומגעבונדען דעם קאָפּ
מיט אַ נאַס האַנטוך.
דעם חושן צעשפּילעט,
און ער זאָגט צו די לוים
וואָס שטייען באַ די אָרגלען:
מאַכט אויף אַ טיר,
צום גוטן יאָר,
מ'קען דאָ דערדישעט ווערן
פֿון דעם שטינק–
פֿון דעם חלבנה
און פֿון דעם מי־רגלים,
וואָס שטייט שוין העכער אַ וואָך
אין די טעפּ.

אין לאַנד
פון פרומע זימפּלאַך

אין ווילדן וואַלד אַליין —
טוען מיר ביידע גיין.

מיר גייען שטיל און קנאַפּ,
אין טריט פון ווילדן צאַפּ.

די ווייסע מערשקעס הערט מען
גראָבן זייערע גערטן.

די שוואָמען שטייען געלענט
אָן דעמבע־דאַרע ווענט.

אַף גרינע קאָרע־קענדלאַך
רינען רויטע רענדלאַך.

באַ זשאַבעס איז איצט חגא —
אין זייער סינאַגאָגע.

ר׳ פּראָש, דער שליח־צבור
דער דאַוונט דריימאָל איבער:
„קוואַ און קוואַ און קוואַ!
אוי, גאָט אין הימל, קוואַ!"



אַ שטומפּיגער גערימפּל
קומט פון זומער־זימפּל.

וואַלד און ווילד און וועלט
קוואַקט און קוויקט און קוועלט.

אַ סאַמעטענע פרייד
צעציטערט איר דאָס קלייד.

וואַלדווינט גיט אַ גלעט
און בעט־אונד־אויס דאָס בעט.

אַף קוסט אַ קליינע קאַניע
גענענטערט ווי אַ ניאַנע.

אַ וועכטערין אַ וויסטע,
אינגאַנצן אַ פאַר־ריסטע.

וויל אונז דין באַדינען
און קאָן קיין קלאַנג געפינען.

אַ חוץ אַ „קורע־קאַרע",
וואָס ווירעט־אויס אַ וואַרע.

אין ווילדן וואַלד אַליין—
זיינען מיר צווי אַליין.

לעצטער פלאַטער

עפּעס טרייבט מיך
צו דעם לעצטן פלאַטער,
איידער עס קומט אָן די נאַכט אין פעלד,
איידער עס גייט אויס דאָס לעצטע ביסל זון
אַף דעם דאַך פון מיין געצעלט.

איך איל, איך איל, דער טאָג איז קליין.
ס'איז אַלץ אַזוי מינוטענדיק און שעה'יק,
כאָטש אין הימל וואו דער טאָג פאַרגייט,
בלישטשען וועלטן אַזוי ריין און רואיק.





עס וויאַגעט אַ באָבע

באָבע העקלט אַ זאָק
פון מעסלעסלעך,
שפּיזלאַך וואָיוועז
אין פאַרטריקענטע הענט.

באָבע היט,
זי זאָל חלילה נישט פאַרלירן
קײן אויג פון זאָק,
נאָר אירע אײגענע אויגן
היט זי נישט.

באָבע ווערט אַנדרימלט.
די שפּיזלאַך פאַלן אַראָפּ
אַף דר׳ערד.

די סאַמעטענע קאַץ לעבן דער דרויסנבאַנק,
נעמט אין אירע לאַפּקאַלאַך
דעם גאַנצן קנויל,
און מאַכט אַ קורצן פאָדים–לאַנג.

האזינו השמים



פאַרנעמט איר הימלען
און זייט אָנגעברייט.
עס שפּילט באַלד דער ווינט
אַף זיין שטאָלענעם פלייט.
דער שטאָרעם קומט אָן,
אין זיין ברונעטן קלייד.

זיי אָנגעברייט
און פאַרנעם, דו ערד:
טויזנט הענט ציען
איין שווערע שווערט.
פון שייד אַרויס גיסט זיך
בלוט אַף דער ערד.

פאַרנעמט, איר האַרן,
און זייט אָנגעברייט.
עס קומט באַלד דער ווינטער —
מיט פראָסטיקער פרייד,
און הינטער די בריקן,
וועט איר ליגן פאַרשנייט.

גלויבט'ס
מיר!

איך וויל נישט פון דער וועלט
קיין גאָלד און איידלשטיינער.
כ'וויל נאָר געזונטע ביינער,
אַ ביסעלע הצלחה,
און אַ ווייב וואָס איז נישט קיין יעוונוכע.

איך דאַרף קיין פרייע צייט נישט האָבן,
דאָס דריקט מיר ווי אַ שטיין,
איך קען מיך אָן דעם אויך באַגיין,
כ'דאַרף נאָר אַרבעט, ברויט און ברייטע בעטן,
און ווייטזיין פון די אידישע פּאָעטן.

אַ סוחר
זינגט

I

אַף דיינע ווייסע בריסט האָב איך
מיין שוואַרצע באָרד צעשפּרייט,
מיט תורה און מיט תהלים־רייד,
האָב איך מיין פרייד באַגלייט.

און דו האָסט מיר געגלעט די באָרד,
און איך האָב דיך געגלעט,
רעכטס רפאל, לינקס מיכאל,
געהיט האָט אונזער בעט.

צו־קאָפּנס איז געשטאַנען גאָט,
דעם מענטשנס האַר און ווירט,
און האָט אונז פרעמדע מענטשן צוויי
געטליך עקספּלואַטירט.

II

פאַר זיבן רובל ריינע ליבע היינט גענאָסן,
זייער פיינע, ריינע ליבע, נאָר פאַרדראָסן
וואָס כ׳האָב לענגער נישט געקענט באַ איר פאַרווייילן,
כ׳האָב אַף דעם יריד געמוזט זיך אונטעראַיילן.
פאַר זיבן רובל ריינע ליבע היינט גענאָסן!

MY FAIR LADY

אַי לאָוו יו,
ענד יו לאָוו מי,
מאַי פעיר לעידי.

קיין געלט האָב איך נישט;
צו געלט טויג איך נישט,
נאָר צו ליבע.

וואָס זשע וועט איר טוען, סיר?
וואָס זשע וועט איר טוען, סיר?

כ'וועל אַראָפּגאַנווענען די זון פון הימל,
צעשניידן זי אויף רונדע רענדאַלאַך,–
רענדאַלאַך פון גאָלד.

וועט דאָך שוין מער קיין זון נישט זיין,
וועלן מיר ביידע ליגן אין בעט
און שלאָפן אויף אייביק.

ביקאָז אַי לאָוו יו,
ענד יו לאָוו מי,
מאַי פעיר לעידי.

וואָס אמת
איז אמת

מ'דאַרף נישט ברוגז זיין דאַפאַר—
מאַן בלייבט מאַן און פרוי בלייבט פרוי,
און אייביק בלייבט די אַלטע וועלט אַזוי,
אַ מאַן דאַרף זיין — אַ הונט, וואָס לויפט אַרום,
אַ פרוי דאַרף זיין — אַ מלאך גוט און פרום,
און ביידענס קינדער טיילען זיך אַזוי:
אין הינט און אין מלאָכים. ליבע פרוי,
מ'דאַרף נישט ברוגז זיין דאַפאַר!

בהמהלע

מיין קלוג בהמהלע שטייט שטיל
באַם טויער פון שטאַל,
עס מאַלעגיירעט ווינט
און שטרוי און שטראַל.

מיין קלוג בהמהלע,
מאַכט פון זיך גאָרנישט קיין גרויס וועזן,
נאָר שטילערהייט שענקט דאָס אונז
פעטע מילך און קעזן.

מיין שטיל בהמהלע
שטייט פאַרחידושט קעגן הימל.
מאַכט די סאַמעטענע אויגן צו,
אין רעליגיעזן דרימל.

גאָט פון יצחק



מיין גאָט האָט ליימענע פיס,
חלב'נע אויגן.
איך האָב אין האַנט אים אַ שפּיז
און אַ בויגן געגעבן.

שטייט ער, דער נאַרישער גאָט,
גרייט צו מלחמה.
וועט שוין יאָרן און יאָרן אַזוי
אָפּשטיין מסתמא.

מיין הויזגעזינט ברענגט אים מתנות:
שיסלען מיט טייטלען און ניס.
מ'לייגט אים די אַלע קרבנות
צו זיינע צוויי ליימענע פיס.

ער מאַכט זיך נישט וויסן. די גאווה!
ער עסט נישט און גייט נישט אַרויס.
קיין איינע פון מענטשישע תאוות
פאַרפלעקט נישט זיין האַרץ און זיין שויס.

זיין שפּיז איז פאַרשטויבט און פאַרזשאַווערט,
זיין בויגן מיט שפּינוועבס איז דיק.



ער האָט מיט דעם טויט זיך פֿאַרחברט,
פֿאַרלעשער פֿון מענטשישן גליק.

אָ, ליימענער האַר פֿון די געטער,
אָפּוועדק פֿון מענטשישע הענט,
עס וועט דאָך, צי פֿריער, צי שפּעטער,
דיין ליכטיקייט ווערן פֿאַרלענדט.

איך וועל מיך מיט דיר לאַנג נישט קווילן,
איך דאַרף האָבן דיין פּלאַץ און דיין ליים.
דיין שפּיז און דיין בויגן וועט בליטשטשען,
ווען איך וועל אים נוצן אליין.

דער באָקסער



דער באָקסער
קוועלט פון נחת,
ווערט גרעסער
און גרעסער—
„ס'איז מיין ארץ־ישראל!"
די פייג שטעלט אים אַרויס
און מאַכט:
—שוטה! זיינס גאָר!

דער אתרוג שלאָפט
אין אַ וואַטענעם פיאַקערל,
היט זיך אויס
פון אַ ווינטעלע,
חלומט: „טיף, ווייס, ווייך.
אַ מחיה—אוי ווי איז מיר"!
און ער קוקט
מיט שלעפעריקער קנאה,
אף די פרייע לימענעס
אין ניסן ליוויי'ס קרעמל.

זאָל איך זאָגן אַז –

זאָל איך זאָגן, אַז די וועלט איז ווי אַ — — — ?
צי זאָל איך זאָגן, אַז דאָס לעבן איז געגליכן צו אַ...?
אָדער זאָל איך מיך לייגן שלאָפן
און צומאַכן די אויגן,
און זען ברענענדיקע שטיקלאַך בלינדקייט,–
גרינע, רויטע, בלאָע, געלע ליגענס
אין מנורה־שיין,–

אין דעם קאַלטן בית־המקדש
וואו דאָס לעבן וויינט,
און דער קורצזיכטיקער כהן־גדול
זיצט אַן עלנדער,
און פּרופט אין אַיילעניש
פאַרצילן נאָדל־פאָדים,
אַף אַיינצונייען
אַ קנעפּל אין זיין אפוד,
בעת די זון פאַרגייט?

דער
גאָלדזוכער

באַם ים זיפּט דער זיפּער דאָס זאַמד
צו געפינען פֿאַרלוירענע צירונג.
אָך, איז דאָס אַ וועלט,
און אָך איז דאָס אַ פּירונג!

איינער האָט גאָר ס'וואוילטאָג
פֿון דעם פּעטן לאַנד,
דער אַנדערער מוז זוכן
אַ שטיקל בּרויט אין זאַמד!



די באָדקעסלען
פֿון גן עדן



די באָדקעסלען פֿון גן עדן
האָבן געפּלאַצט,
און אָפּגעקרילט
אַ מאַסע אידן.

אַלע האָבן אַרומגעטאַנצט
אַף איינע פֿיס
און גע־קווי־טשעט.

איז אַריינגעקומען אַ מלאך
מיט אַ געפּאַלבעוועטן בויך,
אין רויטע זאָקן,
און מיט דריי מצות
פֿאַר מעדאַלן
און געזאָגט אַף לשון קודש:
מאָלטשאַט זשידי פּאַרכאַטי!

יום
הדין

איך ווייס נישט ווער
סי וועט העגנען פריער
אַף יוניאַן־סקווער,
איך, צי די רויטע פאָן.

נקמה וועט אויגן צעאַקערן,
און סלינען אַף ברודיקער מאָרדע.
עס וועט ווי אַ נאַפט־פייער פלאַקערן—
די זודיקע האָרדע.

די שנאה וואָס לויערט אין ווינקעלע—
יאָרהינדערט, יאָרטויזנט,
וועט זיך אַ וואָרף טון אַ טונקעלע—
שוימיק און ברויזנד.

עס וועלן זיך ברידער פאַרברידערן,
און שוועסטער פאַרשוועסטערן,
דערווייל וועט אַ וואָלקנבראָך רידערן
און לאַכן און לעסטערן.

אַף גאַסן־פאַנאַרן צעצונדענע
וועלן פלאַטערן ברידער.
פון געשלאָסענע אויגן, צערונענע
וועט גיסן זיך—לידער.



אַף
דײַן
פּנים

אַף דײַן פּנים האָב איך
מײַנע טרערן אַרויפֿגעװײנט.
װען דײַן מאַמע האָט דאָס געזען,
האָט זי זיכער געמײנט—
אַז בײַ דיר איז דאָס האַרץ צעבראָכן,
און זי האָט דיר צוגעזאָגט טײַבאַלאַך צו קאָכן.

איך אָבער האָב מיר די אױגן אױסגעװישט,
און האָב מיך אײן גאַס מיט אַלע מענטשן פֿאַרמישט.



אין שרעק
פֿאַרן מאָרגן

די טעג קומען צו מיר,
איך גיי קיינמאָל נישט צו די טעג.
איך גיי זיי אַפֿילו נישט אַקעגן
אַפֿן מיטן וועג.

אַז איך דערהער אין דער טונקל
אַז דער טאָג
טאַפּט די קליאַמקע פֿון מיין טיר,
באַהאַלט איך מיך אין אַ ווינקל,—
דאָס האַרץ פֿאַלט־אַיין אין מיר.

לידער מיט רוימישע ציפערן

I

דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ פון טאָג
גייט אויס אין מערב זייט.
דער טאָל אַ צעבער באַ דער גילאָטין
איז אָנגעבערייט.

II

צישן הימל און ערד הייגט אַ טיר,
צישן הימל און ערד הייגט אַ פענצטער.
גיי איך אַריין דורך דער טיר,
בויג מיך אַרויס דורך פענצטער,
און זאָג צו אַלעמען:
גוטשאַבעס!

III

אַיילט, אַ וואַסערל, דאַרף זיין
אַף דינסטיק אין דערהיים.
און אַלדינג אין דער גוטער וועלט
איז גוט און שיין!

IV

מיר שלאָגן זיך אַף טויט און רויט,
צוליבֿ דעם בּידנעם שטיקל בּרויט.
און בּרענען־אויס דערווייל ווי קנויט,
פֿאַרצערט פֿון ווייסן נאפּט פֿון טויט.

V

עס הודעט דער גערויש פֿון אייבּיקן לעבֿן,
עס וויינט די שטילקייט פֿונ׳ם אייבּיקן טויט,
איך ווייס נישט וואו זאָל איך פֿריער מיין אויער נייגן,
איך ווייס נישט צו וועלכן כּח זאָל איך מיך בּייגן.

מיין האַרץ איז אַ האָרבּ אַף מיר אַ שווערער,
איך וואַנדער מיד איבּער אַ מידער וועלט,
אין מיין געדאַנק פֿינקלען סאַמעטענע וואונדן,
ווי רויטע מאָנקעפֿלאַך אין פֿעלד.



VI

אַ טאָג ווי אַ לעכערדיקער זאַק,
מיט באָרשט און דימענטעלאַך.
מיט ליבעס און קעצעלאַך.

דער זאַק צאַפּלט זיך
ווי מיט לעמפּערטן.
איך גלעט אים און בעט:
שטיל זאָל זיין!

VII

באַם רויכערן די נאַרגיל
איז גוט צו זיצן אַפן דיל
און ליינען ווירגיל.

באַם רויכערן ס'ליולקעציבעלע
איז גוט צו זיצן באַ זיך אין שטיבעלע,
און צו ליינען ס'ביבעלע.



אַפּ׳ן
האַלבן
בעט

אַ נישט אָפּגעקילטע נאָך ביזטו אַוועק פון מיר,
מיך געלאָזט אויפן האַלבן בעט,
אַ נישט דערקוילעטער מיט ליבע.

די ערד אין דרויסן איז קאַלט,
דער הימל אין דרויסן איז קאַלט,
נאָר דיין פייער קילט נישט אַף די ליילאַכער.

און ברענען ברענט
דער קאָפּקנייטש אַף מיין האַלבן קישן
וואָס איז ליידיק.

פּייער
מיט
פּייער



איך וועל לעשן פּייער מיט פּייער,
מיך וועל איך לעשן אָן דיך.
מיין אויג וועט אָנרירן ד יי ן אויג.
מיין דיך אַף דיין דיך.

און נעכט וועלן ברענען ווי פּעסער
מיט סמאָלע באַ ווינטיקער טיר,
סוועלן קנאַקן די ברעניקע פידלען
פון מיר און פון דיר.

סוף
כל
סוף

לעבן ים. אין גרויקייט. גרוי, גרוי, גרוי.
נעפּל איז אַף מיין נשמה,
נעפּל איז אַף מיינע אויגן,
נעפּל איז אַף מיינע ליפּן.

גליקן זינקען אַפּן זוים פון זאַכן,
וויינען און זינקען,
ווי עס זינקען שטילע שיפן
אויפן וואַסער.

לעבן ים. אין גרויקייט. מיין בלייַשטיפט שרייַבט
פּאַוואָלינקע און גרוי.
אין דעם היים וואַרט אַף מיר אַ פלעשל סם
און מיין געטרייַע פרוי.





מײַן שאָטן

ס'וועט בלײַבן מײַן שאַרבן, מײַן בילד און מײַן וואָרט,
ווער וועט דאָס לעזן?
מײַן שאָטן וועט בלײַבן אַן עדות, אַז איך
בין אויכעט געוועזן.

נו דאָס איז אַ טרייסט,
גרייט, ליבסטע, צום טיש,
לאָמיר זעצן זיך עסן,
ס'איז גוט בײַ אַ מאָלצײַט פון ברויט און פון זאַלץ,
דאָס אַלץ צו פאַרגעסן!

אַנאַ
דע סעוויל



אַנאַ דע סעוויל
דו טראָגסט דיינע יאָרן ווי אַ צירונג.
דו צירסט דיך מיט יעדן ביטערן טאָג,
ווי אַ בוים מיט קאַלינעס.

און צייטיקער ווערסטו און טונקעלער
און שאָטענדיקער.

דער בלישטש פון יונגע זילבערשטיקלאַך,
דער שרייענדיקער בלישטש פון אַטלעס–
האָט זיך אָפּגעטאָן פון דיר.

איצט ביזטו שטילער, מאַטער.
דיין גלאַנץ איז דער אָפּגלאַנץ פון שווערן זייד,
פון רויע פּערל, פון פאַרטונקלט גאָלד.

ווייל נישט ווי אַ לאַסט טראָגסטו דיינע יאָרן,
אַנאַ דע סעוויל,
נאָר ווי אַ צירונג.

דאָס
מיידל
באַם
ים

דאָס מיידל מיטן בלאָען איך־וויל אין די אויגן—
זיצט מיטן פּנים צו זיך אַליין.

כ׳גלעט דאָס מיידעל שטיל אַרום מיט מיינע ליפּן,
פּאַרפּלאָנץ ביי איר אין אויער אַזוינע מינים בשמים,
וואָס בליען רויט־און ווייךקאָליר, און קאַצן־גרוי
אין נעכט פון זיסער בגרות׳שאַפט.

און זאָגן, דאַכט זיך, זאָג איך איר:
די וועלט איז גרינג, דער טאָג איז גרינג,
ווי דאָרנפעדים וואָס פליען אין דער לופט אין חשון.

אַלץ איז גרינג, ווי שפּיגל־שאָטן
פון אַ זייפנבלאָז וואָס לענגעלט־זיך צום שיינעם פּלאַצן.—

דער ים איז קעגן אונז.
ווי אַ שפּיגאַלע.

און זאָגן זאָגט ער בלויז:
—בלאַ. בלאַ—אַם.

אויפן ים איז דורכגעזיפטע זון.

וואַסער־גלעקלאַך קלינגען און צעקלינגען יעדע קליינע קלייניקייט.—

זאַמד ליגט אייביק,
זון גייט אייביק,
דער מענש טוט אייביק אָן
די הימלען אַף די אויגן,
אַזוי ווי ברילן—
אַריינצוקוקן אין דער טיף־און־הויכעניש
פון אונזער סוף־זומערדיקן מידן בענקען.

באַלד וועט הערבסט זיין.
(זיכער, זיכער וועט זיין הערבסט—
ווייל רעגענען רעגנט שוין אַצינד מיט בלעטלאַך,
אַ־דאָרטן, אין די בערג, וואו איך בין מער נישטאָ!)

פונדעסטוועגן איז גוט.—
די זון איז אַף די ליפן.
אירע פינעף פינגער
אין מיין רעכטער האַנט.

און אומעטום איז וועלט און מענטש.
וואו מיין פוס גיט נאָר אַ טראָט, איז וועלט און וועלט.

באַלד וועט הערבסט זיין.—
ס'יונגע פרעסטל וועט אַריינשטעלן קליינע שייבלאַך





אין די בלאָטעס.–
פעלדער וועלן ליגן שטיל און איבערטראַכטן.

אַף בוימלאַך אָפּגענאַרטע, אויסגעטועטע
וועט אַ בליע טון דער טרויער.

דערווייל איז מיטוואָך,
ס'־געיט.
נאָוועמבער ניינצן זעקס און צוואַנציק.
דאָס קושן איז אַף מיינע ליפּן, ווי אַ גרויסע היילונג,
פאַר מיין זיסער וואונד–דאָס לעבן.

און אירע רייד,
און מיינע רייד,
זיינען בלעזלאַך אויף דעם שיינעם שוים,
וואָס אַף דעם לאַנגן ים,
וואו שיפן גייען איצט אַוועק.

קיאַמישאַ



טראָג אונז, טראָג אונז, שטילער שטראָם!

אין טייך פון קיאַמישאַ
בליען לבנות.
און געלע קינדער־פּויסטלאַך—
וואַסערליליעס.

אַרום זענען טאָלן,
ווי שאָלן מיט גרינעם וויין.

אַרום זענען בערגלאַך
דערהויבענע,
פאַרקלערטע,
ערנסטע,
קלוגע—

און איך—אַפן טייך,
און זי—אַפן טייך,
מיט נאַקעטע פיס
און גרינגע הערצער,
אין אַ גרינגן קאָרע־שיפל.

אַף איר שויס
פאַלן שטערן אַראָפּ.

נאָר דער הימל ווערט
דאַפון נישט אָרעמער.

לייב־זעליק

מיט אַן עמער ווײַנשעל אַ מתנה
פאַר דער כלה,
איז לייב־זעליק דעם קוואַסניקס
געגאַנגען אָנקוקן די כלה,
אין ווישניעוו,
דריי מייל פון הי.

אַז ער האָט דערזען די כלה,
און זי האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמוס
וועגן שיללערס ראָיבער,
און וועגן דרייפוסן,
האָט דער שידוך גענומען צאַנקען
ווי דאָס אויל־קאַניצל
אַפן געזימס.
ווייל לייב־זעליק איז קיין תנא נישט געווען
און ער האָט נישט ליב געהאַט די פריצישע רייד
פון די ווישניווער מוידן.

האָט ער גענומען דעם עמער מיטן ווײַנשל אין דער רעכטער האַנט.
געזאָגט אַ גראָבן גוטן טאָג,
און איז קריק געקומען אין דאָרף אַרײַן,
און אַוועקגעשטעלט דעם עמער מיט ווייַנשל
הינטער די ווייַנשלביימער,
זיך אָפּגעווישט דעם שווייס מיט אַ גרין בלאַט פון אַ בוים
און זיך געלייגט שלאָפן מיט דער לבנה צעקאָפּנס.
איינער אַליין, אָן אַ כלה.
נאָר מיט אַן עמער ווייַנשל.

WHEN KNIGHTHOOD WAS IN FLOWER

פריילין מערשקע
שלעפּט אַ טויטע פליג באַם פוס.
מערשקע שוויצט און פרייכט.
פאַלט שיר פון די פיס.

איך הויב־אויף די פליג וואָס פריילין מערשקע
האָט אָפּגעלאָזט פון שוואַכקייט,
און איך זאָג: מערשקע, מערשקע, דערלויבט מיר אונטערטראָגן!

מערשקע קוקט מיך אָן מיט פייכטע אויגן
שמייכלט. דאַנקט מיר אָן אַ פולען היטעל,
און זאָגט: זייט אַזוי גוט. אַהער!

מערשקע גייט פאָרויס.
ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן–מיט א פיסל
און שמייכלט פאַרפירעריש.

איך גיי נאָך פון הינטן, מיט דער פליג.
פיל מיך שטאָלץ. און איך לאָז נישט אַראָפּ קיין אויג
פון דעם פיסל
מיט וועלכן דאָס פריילין ווישט זיך דעם שווייס.





פראָוואַנס.

שטײנערנע מויערן פון פענדע־פיע
ליאַלקעדיקע שטיבלאַך פון פראָוואַנס.
דאָס ראַטהויז אין סאַמע קילן מיטן,
דאָס קלויסטערל—צעלײגט זיך אין דער ברײט.

די יוגנט איז אַוועק אין שטאָט.
די עלטער שימלט דאָ ווי האָלץ.
באַ בעקערס לעקעכלאַך געפוצטע,
אין גערטנער—פרויעלאַך מיט היט.

אַ שטרויענע שטילקײט גײט דורך פענדע־פיע.
מיט גרינגע פיס,
מיט לופטיקע אויגן.

פראַנקרײכס דאָרף איז צירליך.
די שפראַך איז זינגעוודיק און וואויל.
ליבע איז אַ וואָלוועלער אַרטיקל,
נאָר דער טאַביק פאַר דער ליולקע—פע!

שײן פראַנקרײך. אויסגעצירט מיט לאַטעס
אַף הויזן און נשמות.—וואָג וואו
איז נאָך אַײנגעפירט די שײנע מאָדע,
צו זאָגן נאָכן אַקט: „מערסי מסיו״?

אַ לעיב
שטאַרבט

אין דער ווײַטער וויסטעניש לאָזט זיך אויס אַ לעיב.
עס רויכערט נאָך די קויל אין זײַן בלוטיק לײַב.

מיטן טאָג איז אויכעט אויס. און וואו די נאַכט הויבט אָן–
שטעקט אין הימלס גוף אַ בלוטיקער שטיק שפּאָן.

עס ציט פון טריט צו טריט אַ רויטער פּאַס.
עס ווערט די טרוקן־גרויע־וויסטעניש רויט און נאַס.

און ערגעץ אין דער מדבר האָט דער לעיב
געלאָזט אַ הײַס און לעכצענדיק שטיק ווײַב.

לעשט זי אויס די וועלט מיט איר געשריי.
די מדבר ליגט אַרום ווי רויטער בליי.

די לעיבינטע רופט דעם לעיב אַ היים
און דאָרטן בלוטיקט אויס דער לעיב–אַליין.



מײַן
פּורים־הונט

אויפֿגעבליטע פּורימס. מעד אין זיבן פֿלאַשן.
אַף אַלע זימסן פֿרישע האָמענטאַשן.

זיבן בלאָנדע מײדלאַך האָבן סודות אין די העמדער,
און איך בין אַלע זיבן נישט קײן פֿרעמדער.

אַ פּיצל טאָג, אַ ברעקל נאַכט און זײט־געזונט,
אין דרויסן וואַרט אַף מיר מײַן פּורים־הונט.

טויטנטאַנץ

ווער מיר ביידע זאָלן נישט זיין,
לאזז מיר אייך גריסן—
ווער איר זאָלט נישט זיין.

פון אונטער אַן אַטלעס קאָלדרע אפיר
זאָגן מיר צו אַייך—
ווער איר זאָלט נישט זיין:

פאַרגינט אונז ביידן,
(ווער מיר זאָלן נישט זיין)
דעם זיסן טויטנטאַנץ,
וואָס ווערט געטאַנצט
ליגענדיקערהייט.

דאָס
ליד
פֿון
ליכטיקן
פּאָדעם

דאָס איז דאָס ליד פֿון ליכטיקן פּאָדים
וואָס ווערט געזוּנגען אומעטום אַף דער גאַנצער וועלט,
וואו מענטשן טרינקען וואַסער און עסן ברויט,
און לעבן און ליבן און שטאַרבן.

דאָס איז דאָס ליד פֿון יענער זינדיקער אַפּראָדיטע,
וואָס צו איר ליכטיק דאָרשטן האָט זיך געצויגן די וועלט,
ווי צו אַ ברונע פֿון קילן רינענדיקן פֿײַער, וואָס איז וואַסער.

שײַן איז זי געווען וואָס שענער קען נישט זײַן.
אירע אויגן צוויי טראָפּנס געווײַן,
אירע בריסט—דאָס האָבן צוויי ווײַסע עפּל געציטערט,
אַף אַ בלאַט פֿון ווײַס־פֿאַרחלשטן פֿײַער געציטערט.

איר בויך איז געווען געבעכערט פֿון טויטבלײַכן גאָלד.
גאָלד און מילך,
גאָלד און בלאָנדער ווײַן.
גאָלד און שווערע רויזן.
בלוט און מילך און פֿײַער!

אַזוינס האָט נאָך די וועלט נישט געזען!
אַזוינס האָט נאָך דער הימל נישט געזען—
נישט אין חלום, נישט אין שפּיגל.

אירע ליטקעס: רייפֿלאַך זון
וואָס ווערן וואָס אַ רגע קלענער, קלענער,
ביז זיי פֿאַרלירן זיך אונטער אירע טריט,—
יענע טריט וואָס אַז די ערד דערשמעקט זיי,
האָרבעט זי זיך אויף, ווי אַ קעצל
צו אירע פּיס־פֿינגער,
ווערט לויטער טרויער, חניפֿה, געבעט און בערג!

אַזוי איז זי געלעגן די האַלבשלאָפֿעדיקע אַפֿראָדיטע,
מיט איר ליכטיקן בויך אַרויף.
פֿאַרזיגלט אינדערמיט מיט בלאָנדן זיגל,
וואָס האַלט דעם אוצר אונטער שיינעם שלאָס־און־ריגל.
און פֿון דאָרט וואו עס קווייטעלט זיך אַרויס
איר נאָפּל,
ווי אַ צירונג אַף אַ דעק
פֿון אַן עלפֿנביין קופּערט,
דאָרט איז אַ פֿאָדים צוגעבונדן צום נאָפּל פֿון אַפֿראָדיטע.

דער ליכטיקער פֿאָדים ציט זיך אַרויס,
דורך שליסל־ערטער,
ביז איבער דער גרעבליע ביז אין שטאָט אַריין,
ביז דעם אַלטן זאַמאָק,
איבער אַלע גערטנער און פֿעלדער

און איבער דעם טײַך,
איבער פּראָפעסאָר שטײנבאַך׳ס טעלעסקאָפּ פּאַרזשאַווערטן,
פֿאַרבײַ איטשע דעם דין׳ס אַלמער מיט אַלטע ספרים,
פֿאַרבײַ דער ברונע,
ביז לעבן די לאַנעס וואו די שאָף פּאַשן זיך,
ביז איבער דעם רואיקן באַרג, וואָס איז שוין האַלב אָפּגעגריזעט
פון די בהמות
און וואו דער פּאַסטוך שלאָפט הינטער די אײַטערס פון
אַ ברײַטער קו,
ביז אַהין וואו סי שטײט אײנער און זײעט שוין אַף איבער־אַ־יאָר,
און וואַרפט קערנער פון פּאָדעליק אַרויס
אינם ווינט אַרײַן.

ביז אַהין וואו די זשאַבעס אָכצן
און דיניעס וואַרפן זיך איבער די פּלויטן און האַלטן זיך צו מיט
אײגענע פּעדים,
וואו רויט־גרינע עקדישלאַך ליגן פּאַרטײעט אין וואַרימען שטויב
און הערן מיט ממורישע אויגלאַך דאָס אָנקומען פון אַ שטרוי.

ביז אַהין וואו די 4 וועגן צעשײדן זיך
און געזעגענען זיך,
און צעגײען זיך אין דער ווײטער וועלט אַרײַן
און האַלטן זיך באַ די הענט,
און האָבן פּאָרט נישט ס׳האַרץ זיך אָפּצערײַסן
פון דאַנעט, וואו פעלדער זענען נאָך גרין.

ביז אַהין און אַ סך ווײַטער,
ציט זיך דער ליכטיקער פֿאָדעם, וואָס ווײַזט דעם וועג
צום נאָפּל פֿון דער שיעור־שלאָפֿנדיקער אַפּראָדיטע.
וואָס ציטערט איבער וועלט, און איבער אייביקייט,
איבער לעבן, איבער טויט. איבער ווערן און פֿאַרלוירן־גײן.

און אָנגעהאַלטן, אינם פֿאָדים, ווי אין אַן אויסגעחלומטן פּאַרענטש,
שטייען מענער, שטייען אינגלאַך, שטייען זקנים.
האַלטן זיך־אָן אין דעם דינעם, שטייפֿן פֿאָדעם,
אין דעם ליכטיקן פֿאָדעם;
און ציען זיך, פּאַמעלאַך, פּאַמעלאַך, ווי די אייביקייט,
אָדער ווי אַ טשערעפּאַכע.

אַלע שטייען און וואַרטן און ציען זיך.
ציען זיך מיט הענט און אויגן,
מיט ליפּן און הערצער,
מיט נערוון און נשמות.

ציען זיך איבער די זיבן יאַטקעס,
איבער עקדישלאַך און זשאַבעס,
פֿאַרבײַ איבערגעפּאָרענע שלענג און פֿאַרהונגערטע שוואַלבן,
דורך לעכער פֿון טיר־שלעסער.

דורך פֿענצטער און קוימענס,
דורך האַלב־פֿאַרמאַכטע פּויסטן פֿון שלאָפֿנדיקע קינדער —
ציט זיך דער ליכטיקער פֿאָדעם,



וואָס אַ ווײַטע האַנט האָט צוגעבונדן,
צום נאָפּל פון דער האַלב־שלאָפנדיקער אַפּראָדיטע.

און אומעטום וואו ס'איז ליידיק אַ שטיקל פּאָדעם,
איז די האַנט פון אַ מאַן, פון אַ אינגל, פון אַ זקן.
און אַזוי שטייען אַלע, דורך ווייסע לבנה־רגעס, בלאָנדע זודמינוטן,
טראָגן טעג און נעכט אַף די געבויגענע אַקסלען,
פאַרציטערטע, פאַרגלויבטע, פאַר'חלש'טע.
און אַלע אויגן זענען געווענדט אַהין,
וואו סי שטייט איינער און זייעט שוין אַף איבער אַ יאָר,
און וואַרפט קערנער פון זיין פּאָדעליק
אינם ווינט אַריין.

קאָראַ



1

פאַר וועמן אַ ליד?
פאַר דיר אַ ליד,

פון שאָטנס ניי איך אויס מיינע לידער צו דיר,
צו דיר מיינע לידער ניי איך אויס פון שאָטנס.

די קנעפּ זיינען גאָלדענע, גאָלדענע קנעפּ,
די שטעפּ זיינען גאָלדענע, גאָלדענע שטעפּ.

מיין גליק איז אַ שטיקל סאַמעט
אָפּגעריסן פון אַ פרעמדן קלייד.

פליף. אַ בלאָז אַף דיין אָפּן אָנגעזיכט.
בלאָז איך אָפּ דעם שטויב פון דיר, מיין ליכט.
דאָך דאָס ליכט אַליין פאַרלעש איך נישט.

2

ווי לוואָנע־גאָלד, מיין גאָלד,–
ביזטו ליכטיק, ליכטיקע!

ביזט מיין פרייד, מיין פריידיקע.
קוש איך דיר ס׳לעבן אויס.

בין איך דיין געשענקטער קוש.
איך אינגאַנצן בין דיין קוש.

ליבע, זיסע, ליכטיקע,
דו מײַן ליכטיק־ליכטיקע.

3

גרויסע, גרויסע וועלט, ליכטיקע און טײַערע!
דײַן מאַנדלבוימל און ווײַנפּערלעך,
איר שמײכלדיקע קנײטשן־נעץ
בײַ די ברוינע אויגן.
דײַן הימל און אירע לעדערנע רײַטהויזן.
דײַן גנאָד און אירע ליטקעס.
איר בײדע: וועלט און זי!
אירע שיך זײַנען קלײן
ווי איר שׂכל.

ליב מיך געליבטע–
מיט דײַן קלײנער ליבשאַפט,
וואָס איז דין און נישט־זיכער,
ווי אַ שפּינגעוועב
אויף די אויגן פון אַ שלאָפנדיקן מענטשן!

4

דײַן וואָרט איז געהילט אין דינקײט פון שאָטנס,
וואָס זענען קײנמאָל אויף דער וועלט נישט געווען.

רויזן רעגענען פון הימל,
פאַר אַלע וואָס חלום'ען רויזן.

דער דאָרדריץ טוט נישט ווײ,
ווען דאָס אויסגעריסענע בלוט
איז אַ שנור מיט קרעלן אויפן לײַב.

איך אינגאַנצן בין דײַן קוש, אָ, אַמנאָן!

אין פֿערלגעשטיקטע שיך קום איך צו דײַן געלענער, געליבטער.

מײַנע בריסט — צוויי ליכטיקע טויבן —
פֿליִען דיר אַנטקעגן.

אַ גרינסאַמעטענע לבנה —
טראָג איך אַף מײַנע טיציאַנהאָר,
אַ קרוין פֿאַר קעניגלאַכער בענקשאַפֿט.

אײַנגעגאָלדענט בין איך אין'ם פֿאַנצער פֿון דײַן ליבשאַפֿט, אָ,
אַמנאָן.

טעג, אָדער נישט טעג,
נעכט, אָדער נישט נעכט,
וואָס גייען זיי מיר אָן — אָן דיר, אָ, אַמנאָן!

5

מײַן בעט איז פֿאַרבעט. איך פֿאַרבעט דיך
מײַן ציך און דײַן דיך זײַנען ציכטיק.

און וואַרימער ווערן די פֿינצטערע ווענט,
ווען דו און דײַן ווײַסקייט
פֿאַרדעקן מײַן דעק.

6

מײַן קישן איז פֿול מיט גענז
ווײַסע אָנגעפֿילט.
גרגור־גו זאָגט דאָס קישן
אונטער מײַן צוקאָפּנס.



7

כ'מאָל אויס אַף מײַן לײַלאַך
אַ לאַנגע, דינע פּאַנע,
איך שווער איר אײביק ליבּע
און שלאָף מיט איר באַנאַכט.

אַפ'ן פאַרם

אַ פאַרגאַפּטע לוואָנע,
מיט אַן אײנציק שטערנדל.
דאָס פאַרמהײזל לויכט
ווי אַ לאַמטערנדל.

גרינג ווינטיק און קאַלט,
אין דרויסן גײט אַ שניי.
חידושן הילצערנע ווענט:
ווער זענען די צוויי?

טויב צו דער גאַנצער וועלט,
און קרום געבויגן,
דאָס פאַרמהײזל שלאָפט—
מיט בעלמעס אַף די אויגן.

זינגט שניי דורכן קוימען,
אַרײַן אין לאַמטערן.
פראָסט ליגט אַף לבנה
אַף שויב און אַף שטערן.

אגנעס

שיין בּיסטו מיין אַגנעס
ווי אַ בּילד אַ קלאַסיש,
דיין שיינקייט שיכּור'ט אָן ס'האַרץ,
ווי פּענגרשאַנער האַשיש.

ווי גרעקאָס אַ מאַדאָנע,
זיצסטו מיט צעשפּרייטע קניען,
בּענקסט דיר אויס דאָס צוקערדיקע האַרץ
נאָך דער שטאָט וויען.

צוויי
קישנס



כ'האָב אַ קישן אַ שוואַרצס,
אַ קישן אַ בלאָנדס.
ביידע קערן זיך אָן נאָנט און פרעמד,
ווי גאָלד מיט בראָנדז.

ביידע קישנס זענען פון לאָקן
פון מיינע געליבטע פון אַ מאָל.
מיט וועלכע איך האָב מיך געטראָפן
אין אונזער וואוילן יאָמערטאָל.

ס'בלאָנדע קישן איז אין שוואַרצן זייד,
דאָס שוואַרצע איז אין ווייסן ליין,
דורך ביידע ציכלאַך גייען צאַרטע ציטערס
אין מיין האַרץ אַריין.

ס'בלאָנדע קישן איז פאַלש און ווייך,
דאָס שוואַרצע איז געטריי און האַרטליך,
אָף ביידע רועט איצט מיין שטילע פרוי
גאָר שיין און צאַרטליך.

בײ מײן
שנײדערײ

נעם איך אַראָפּ דעם פינגערהוט פונם פינגער
ווערט מיר די האַנט גרינגער.
איך שטעל אים אַוועק לעבן דעם שפּול,
ווערט ער מיט זונענגאָלד פול.

אַ פולער פינגערהויט מיט זון, ביז צום אויג־
לאַך איך און פרײ מיך מיט יעדן בויג.

נאָר אַז איך טראָן דעם פינגערהוט קריק־
גיסט זיך אויס דאָס גאָלדענע גליק.



לעבן

איך
און
משה
לייב



משה לייב וויל נישט שטאַרבן אין זלאָטשיוו.
איך וויל נישט שטאַרבן אין ערגעץ.
מען וועט מוזן שטאַרבן, משה לייב,
אין זלאָטשיוו אָדער אין ערגעץ.

די שעה וועט קומען, וועט אויסגיין
די זון אין אונזערע אויגן,
כאָטש מיר האָבן צו פיינע פידלען
אַזוינע פיינע בויגנס.

דאָס וועט זיין, מיין ליבער חבר,
דער שטילער סוף פון אונז ביידן.
דערזעלבער סוף, משה לייב,
וואָס פון מיין זיידן, און דיין זיידן.

מ'וועט לאָזן שטיין די זון
און אַלע לעכטיקע מוידן,
און מ'וועט מוזן אַזוי גוט זיין
און צומאַכן די אויגן.

טאַמדאָברע

אין האָלאַנד איז גוט,
און אין דער טיראָל,
און אין דיסעלדאָרף.

אין פראַנקרייך איז גוט,
אין נאָרוועגיע,
אין סאָסקוואַהאַנאַ.
און אין קאַפּרי.

אָבער אָט־דאָ־אָ
וואו איך זיץ
אָט־איצטערטאָ—
איז ביטער און פינצטער.

אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן
ווי ס׳איז ביטער און פינצטער.

נאָר סע מאַכט נישט אויס.
אַבי אין האָלאַנד איז גוט,
און אין זאַקסן,
און אין דער ווייטער טיראָל.

דירה־געלט

עראָטיק און דירה־געלט,
אַמאָל אַ בולקאַלע,
און גוט איז דער רויך פון מיין ליולקאַלע!

עראָטיק און דירה־געלט,
בריסט ווי לאָגלען וויין,
און דאָ בין איך איין מענטש אַליין.

אין האַרץ אַ פויגל,
אין מויל אַ מויז,
און איינער וויל צום אַנדערן אַרויס.

עקצע
נאַדיר!



איצט איז לידער, שפּעטער עפּעס אַנדערש.
קיין זיכערס איז נישטאָ בּאַ מיר,
עס האָבּן גאָר פון מיר קיין נחת נישט,
מיינע שטיקלאַך תאוות, וויי איז מיר!

איז דאָ פּאַפּיר צום האַנט איז גוט,
אויבּ נישט איז רעכט צו קוקן דורכן פענצטער.
מענשן טונקליען זיך פאַרבּיי,
זעען אויס אַזוי ווי די געשפּענצטער.

סי קער צו מיין געמיט דאָס פוילע וועטער!
די פּען ליגט מיד אף מיין פאַרוואָרלאָזט טישל,
דעם שכנ'ס הונט, צרגאַסט בּא מיר אין שטובּ,
האַוועקט אוף מיין גאָלדן פישל.

ווײַמוט
און ווערמוט

מיט ווײַמוט און ווערמוט איז פֿול
מײַן צעשערבעטער בעכער,
אַ רויטע לבנה גײט־אויף
אַף בלוטיקע דעכער.

דער הימל האָט אויסגעקערט אַף מיר
זײַן גאַנצן פֿאָמעשאַף מיט שטערן,
און איך בין דערטרונקען אין גלאַנץ
פֿון גאָלד און פֿון טרערן.



מידקייט

זיי שטופּן מיר בלומען אין אויער,
מיר קריכן די בלומען פון האַלז.
איך האָב נישט קיין תאווה צו צוקער
און ווייס אַז סאיז שעדליך דאָס זאַלץ.

לעב איך דעם טויט אַף צו להכעיס,
און טו וואָס מ׳טאָר און מ׳טאָרנישט,
כ׳זידל די באָרד פון דעם נביא
און לויב אין עקסטאַז יעדן גאָרנישט.

אַ האַלז
אַף אַ האַלז



אַף אַ לאַנגן זאַמדיקן פעלד,
באַם גרעבליע־גראָז,
טייטלט אַ הילצערנע האַנט—
אַף דער וועלט'ס נאָז.

פאַרוואָרפן אַ האַלז אַף אַ האַלז—
עס שטייען צוויי פערד,
מיט פיס ווי זיי וואָלטן געווען
איניינעם מיט דער ערד.

זון־זאַט און זייער שטיל,
מיט עלנטע געדאַנקען,
ציטערן פערדישע פעל
מיט גלאַנציקע פלאַנקען.

שטרויעלאַך יונגע, זילבערנע,
וואַקסן אין זייער דרימל,
עס קייען די פאַרליבטע צוויי—
די ערד און דעם הימל.

אַן
עלנדער
קוימן

אַ פייער האָט אויפגעגעסן אַ שטוב
און איבערגעלאָזט אַ קוימן.
און אַן עלנט ביימל מיט פלוימן.

קוימן מייז צעגיין,
קוקט דער טאָג אַף מייזישע ציין,
און אין מייזלישע אויגן,
אַנטלויפן זיי פייל פון בויגן.

נאָר דעם קוימן איז באמת שלעכט:
דורך־די־נעכט מוטשען אים די שטערן
מיט אייפערזועכט.
באַטאָג טאַנצט אים די זון
אַפן קאָפּ.
באַנאַכט לאָזט אים
די לבנה נישט אָפּ.

און קיין שטוב האָט ער נישט,
און דער פלוימענבוים בליט איינער אַליין.
און מייז מויזן אַרום,
און שטיינער ליגן שטום.

אַ גרױסער, פֿאַרזשאַװערטער טשװאָק—
די לענג פֿון צװײ פֿינגער, ליגט און
האָט נישט װאָס צו טוען,
װערט ער אַ זינגער.
און ער זינגט:

אַמאָל איז געװען אַ שטוב.
איצט איז דאָ אַ טשװאָק.
און דער לאַנגער קוימן
שטײט דאָ װי אַ באָק.

דער טשװאָק קען נישט זאָגן מער,
װײל דאָס האַרץ איז אים שװער.
לאָזט דער אַלטער, עלענדער טשװאָק
אַרױס אַ פֿאַרזשאַװערטע טרער—פֿון בענקען.
און װער ס׳האָט אײנמאָל געזען אַ טשװאָק װײנען,
װעט דאָס אױף זײַן גאַנץ לעבן געדענקען.



נאַראַיעוו

I

ווי פיל ימים־טובים האָט די וועלט?
ווי פיל יאָר־יאַרידים?
אַף יאָר־יאַרידים קוויטשן די חזירים.
עס שמעקן נייע שטיוול, מולטערס און ליים־קריגן.
דער מעסערמאַן טיילט רינגן זיבן פאַר אַ פעניג.
יעדער מעסער האָט אַ נומער און אַ גורל.
רויטע מעסערשטילן ווינקען.
עפּעס מעסערדיקס איז אויך אין אַלע אויגן פון די גוים,
וועלכע וואַרפן מעסערס.
גליק—כאָטש אַף אַ שפּיץ פון מעסער
מזל—כאָטש אין ווייטן רינג־וואָרף!
וועק דיך אויף, דו כישוף, וועק דיך אויף!
הויב דיך אויף, דו חלום, הויב דיך אויף!
האָקוס־פּאָקוס, ווינגל־וואַנג,
צי נישט אין דער לאַנגער באַנק!

II

דאָס שרעטעלע נעמט דעם מזל־טוב און גייט אין מאַרק אַריין.
דער ציגל־וואָלף גייט־נאָך און שאָקלט מיט זיין ציגלוואָלפיש
בערדל.
(די הערנער אַף דעם ציגלוואָלף זענען פון קרישטאָל.
דאָס העמדל ביי דעם שרעטעלע איז קורץ;
די צישן־פיס פאַרדעקט מיט לאָרבערבלעטער!)

זעט: וואונדער רעגענען פון הימל.
באָקענביבקעס ווערן באַלד אין רענדלאַך גאָלד פאַרגלגולט.
די חזירים ווערן אויסגעפוצטע פאַוועס.
פון נייע שטיוול ווערן יונגע שקאָצים.
פון מאַסליצעס: שלאַנקע, שיינע שיקסעס.
פון הערינג אין די פעסלאַך ווערן גראַפן.

קומט אַ וויכערווינט אין מיטנמאַרק,
טאַנצן שיקסעס, שקאָצים. וואַרפן זיך מיט פולע זשמעניעס
רענדלאַך.
טאַנצן שטעלן מיט געבעקס אינאיינעם מיט די קרעמערס,
וואָס זענען איצט שוין אַלע קראַנצענפרייליינס.
פון אייער־סוחרים ווערן הינער,
און זיי הויבן אָן אַרומצעפליען אף בוימער.
פון קרומען בעטלער מיט דער ליאָרע ווערט אַ סולטאַן.
זיין קוליע ווערט אַ בלישטשעדיקער צעפטער.
די טויבע מיכליע ווערט אַ גרויסער וואָלקן,
וואָס הויבט זיך אויף
און גיסט אַראָפ
אַ פרישן זומער־רעגן.

III

צוערשט האָט די וויג געוויגט: ליר־ליו.
אין וויג איז געלעגן די רו.
דערנאָך האָט געזונגען די מאַמע.
געוויינט און געזונגען די מאַמע.
דערנאָך האָט געשלאָגן דער טאַטע.



מיט ווערטער, ווי בייטשן.–דער טאַטע.
(מיין גוטער, געשלאָגענער טאַטע.
מיין בייזער, דערשלאָגענער טאַטע!)
צען און עלף און צוועלף.
אין האַרצן עס רייסן זיך וועלף.

IV

עס פאַרגיכערט אירע טריט די צייט.
די אומרו קומט צעפליען פון דער וווייט.
פאַרוואונדעט הייגט איר גוף פון זאָטל־שפּאַן אַראָפּ.
געבראָכן האָט די אומרו האַלז און קאָפּ,
איידער נאָך זי האָט מיין שוועל דערגרייכט.
(אָ, קראַנקע אומרו, אין מיין בלוט פאַרבלייכט!)
פּאָנען העפּט איך אויס און טורעמס האָב איך נישט.
ימים מעסט איך אויס און שיפן האָב איך נישט.
קעמלען לאָד איך אָן מיט מיינע שווערע טעג.
און שאָטנס שלאָג איך צו אַף מיין וויסטן וועג.

V

די מאַמע איז געגאַנגען האַנדלען
ראָזשינקעס און מאַנדלען.
און הינטער מיין וויגעלע
שטייט אַ שוואַרץ ציגעלע,
אַ צייט איז געקומען,
אָן מאַנדלען, אָן בלומען.
באַנען פאַראַנען

און פייערגעשפּאַנען.
נאָר די אומרו אין מיר
שרייט דורך פענצטער און טיר:
—מאַ־מע.

VI

זומער. זומער.
געווען. געווען.
דער טאָג וויינט, אַז מ'שניידט אים אָפּ
פון נאָפּל פון דער נאַכט.
די זאַנג וויינט, ווען מ'שניידט זי אָפּ פון דר'ערד.
די נאַכט וויינט אויך אַזוי.

VII

אַף מיין געלעגער ביינאַכט זאָג איך:
אַמאָל. אַמאָל. אַמאָל.
געווען. געווען. געווען.
איצט איז אָטעם. שפּייז. זיבן וואָכנטעג אַ וואָך.
(די ליולקע וואַרימט מיר די קאַלטע הענט).
פלעשער ביטער ביר.
ליבע אין באַקוועמען בעט
(דער שטרויזאַק ווערט עלעקטריש באַוואַרימט).
און זיבן קלוגע לייט שרייבן אין די בלעטער וועגן מיר.
און זיבן מאָנומענטקריצערס נעמען מיר
איעדן טאָג אַ מאָס פון מיין יונגסטן שאָטן.
(אַן אָפּגעהאַקטע צווייג. אַ ווינעדיקער מלאך. אַן אָדלער מיט





אַ בינטל ריטלאַך אינ'ם שנאָבל).
זיבן העלדענבאַריטאָנען בלאָזן מיר
אַ פליג פון נאָז אַראָפּ.

נאָר טרייסטן טרייסט דאָס נישט,
און היילן היילט דאָס נישט,
די וואונד די גרויסע וואָס איך בין.

VIII

דער טאָג וויינט. אַז מ'שניידט אים אָפּ
פון נאָפּל פון דער נאַכט.
די נאַכט וויינט ווען מ'שניידט זי אָפּ פון דר'ערד.
און איך וויין אויך אזוי.



יאָר ניינצען צוואַנציק

מיט שווערע, שטילע שטיוועל
בין איך אומגעגאַנגען אין מיין דאָרף־שטוב,
אין עפּעס אַ דעצעמבער־נאַכט,
אַ לאַנגע־לאַנגע־לאַנגע,
מיט שווערע, שטילע שטיוול,
מיט אַ שווער־שטיל האַרץ.
מיט אַ שווער שווייגן.

געגאַנגען אויף־און־אָפּ,
מיט שטילע, שווערע טריט
און שווערן שווייגן.
באַפּלאַמלט פון׳ם גלי
פון אַ געלן לאָמפּ,
און שטיל געזאָגט צו זיך אַליין:
„עלענד, עלענד, עלענד!״
און ס׳האָבן קריקגעזאָגט
די פיר פאַרטיפטע ווענט:
„עלענד, עלענד, עלענד״.

חול־המועד

צישן יאָנטעף און יאָנטעף
זענען וויסטע חול־המועדן,
ביז די אַנדערע העלפט יאָנטעף קומט אָן
קריכן אַרויס די אויגן.

דער יאָנטעף איז אַ שמאָלער טייך,
דער וועג צו אים—דורך ברייטע בלאָטעס.
אַז מ׳קומט פונם ריינעם וואַסער אַ היים,
זענען אַיינגעשמירט די נייע קאַפּאָטעס.

נאַטור
מאָרט



מיין מאָלצייט איז זאַלץ און חלה,
ביטערער וויין מיין געטראַנק,
אַף מיין באַנאַכטיק געלעגער
הער איך דעם וואַלד־ווינט גייען.

מיין טיש איז ריין און טרויעריק,
ס'האָלץ פונם טיש שמעקט פריש.
ס'זאַלצמעסטל שטייט ווי אַן עדות
פון העלע געשמאַקערע טעג.

דער דיל און דער דאַך זענען עדות,
אַז גאָרנישט פאַרנעמט מיין געמיט:
אַחוץ דאָס געוויין פון די שוואַלבן,
און דעם זאַלצמעסטלס שוויגן באַנאַכט.



ווי
אַפן
וואַסער

אין צימערל ברענען קיין לעכט נישט,
די לאָדנס פאַרמאַכט און פאַרהאַקט,
נאָר ליכטיקן ליכטיקט די וויסטקייט
פון אייגענעם לעבן.

מיין גוף איז אַ שיף אין דער פינצטער,
וואָס בין איך פאַר אַ קאַפּיטאַן?
איך בין אַף צעצאָרנטע ימים,
אַ שטילער און איינזאַמער מאַן.

דעקאָראַטיווער וואַסערטרעגער

פון אַקסעל אויסגעשלייפט
ס'איז מיין קראָמיסל,
יעדער טאָג איז מיר
אַן אָרעם קערמישל.

וואַסער פונם טייך
שעפּ איך–צוויי קאַנען.
און מיט ברייטע פיס
טו איך גאַסן שפּאַנען.

כ'הוידע מיך אין גאַנג,
צישן בּיידע עמער.
גייענדנאָך נאָך מיר
בּעק און לעמער.

וואַסער זינגט אַף מיר
גיסט זיך אינם גאַנג.
יעדער גאָס אין גאַס–
אַ זילבּערנער שפּאַנג.

קראַקאַטאָא

אין קראַקאַטאָאַ. אַן אינזל
אַפּן מאַלייאישן אַרכיפּעל.
ציטערט די ערד.
הויבט זיך אַ פּאַליע אויף
און ווישט אָפּ פון פּנים פון דרערד
צוואַנציק טויזנט לעבעדיקע מענטשן.

און איך, משה נאַדיר,
זיץ מיר רואיק אין ביקאָן, נויאָרק,
שרייב לידער מיט קליינע בוכשטאַבלעך,
בליק אַף די נאַכטפּייערן פונם באַרג ביקאָן,
שלאָג מיך מיט אַ פּלאַטערפליג
וואָס רייסט זיך צו מיין לאָמפּ
און איך טראַכט:
ס'איז גוט וואָס איך בין ווייט
פון דעם אינזל—
קראַקאַטאָאַ,
אַפּן מאַלייאישען אַרכיפּעל,
און וואָס מיין האַנטשריפט איז היינט
אַזוי ריין און געפּערלט.

גוטמאָרגן
דיר,
וועלט!

גוט מאָרגן דיר, וועלט,
כ'בין שוין אויפגעשטאַנען.

ביינאַכט האָב איך געוויינט פון שלאָף.
כ'האָב געזען מיינע יונגע יאָרן פאַר מיר,
מיט די פיס צו דער טיר,
האָט מיר דאָס האַרץ געוויינט.

אָבער איצט איז אויפסניי טאָג.
די זון כלה'ט זיך אין הימל.

שלעפעריקע וואָלקענס שלעפן זיך אַף פרעמדע חתונות.
צעגיין זיך און קומען קריק, ווייסן גאָרנישט וואָס צו טאָן,
פון ליבשאַפט צו דער כלה–צו דער זון.

גוט מאָרגן דיר וועלט
כ'בין שוין אויפגעשטאַנען.



צער
בעלי
מאָווס

צער בעלי מאָווס
איז נישט קיין קאַטאָווס.

ווען אַף בייסוילעם איז רעגענדיק,
און אין דרויסן איז אומעטיק.
און וויסט און שוואַרץ,
טוט אַזוי ווי דאָס האַרץ—

אַף די מתים פון אַלטן בייסוילעם,
אַף דעם גאַנצן טויטן עולם,
וואָס ליגט אין דער נעץ, אין דער קעלט,
אין אַזאַ אומעטיקער וועלט!

ווײן
ווײב
און
טרערן



ווען דער וויין ברענט אין קאָפּ
ברענען לעכט אַ סך קעגן שפּיגלען.

אָנגעטון אין צעפּ און מענטעלאַך—
טאַנצן אַלע לעכט מיט אונז.

צעשפּענדעלטער טומל פון גאָלד.
נאַכט שוויצט
מיט ווייס לבנה־בלוט
אַף אַ בלינדן שפּיגל.

נאַכט וויינט מיט פידלדיקע טרערן,
און מיר טאַנצן,
און מיר טאַנצן.—

האָהענשוואַנגוי

אין האָהענשוואַנגוי
בין איך קיינמאָל נישט געווען.
ס'איז מיר נישט אײַנגעפאַלן
צו זיין אין האָהענשוואַנגוי.

וויוואויל מיין וועג איז געגאַנגען
דורך אויגסבורג קיין ביעססענהאַפּן,
וואו מ'בייט די באַן
קיין האָהענשוואַנגוי.

אָבער האָהענשוואַנגוי
שטעקט מיר אין זכרון ווי אַ שפּאָן.

איצטער בין איך שוין כמעט
אינגאַנצן גרוי,
און אין האַרץ ליגט נאָך אַלץ,
ווי אַ העלע קרעל
(פון בלוט און טוי)
האָהענשוואַנגוי.

מינכען



אין מיין זכרון
ווי אַ פֿאַרפֿרוירענע אַלטע רויז,
איז מינכען די שטאָט.

פּינאַקאָטעקאַ. פֿאַבריק פֿון קלויסטער־שויבן.
הייליקע שטייִען אַף קאָלירטע פֿענצטער,
פֿאַרשטויבט און פֿול מיט זון.
בלאָנדע, אַפּעטיטנע גרעיטלס
וואַקסן אין מינכען,
ווי נידריקע האַרטע קוקורוזעס.

מען דאַרף האָבן כּח זיי אויסצורייסן!

ענגלישער קאַפּיי טאַמבאָזי.
און איך אָן אַ פֿעניג ביי דער נשמה,
פֿאַר באָקביר און וואורשטן.

און די ווירטין קלאָגט זיך,
וואָס איך שפּיל דורך די נעכט
אַזוי שלעכט אַף מיין צימבל.

אין בוטערמעלכער גאָרטן
גיי איך שפּאַצירן.
אַ גרויע פֿעלערינע איז אַף מיר
ווי אַ צעריסענער ווינט.

ביים מאָנומענט פון לואיס פון בייערן,
רייב איך אָן אַ שוועבעלע
אין קעניגס נאָז,
פאַררויכער אַן אַלט שטיקל ציגאַר.
און מיר איז וואויל ווי די וועלט,
ווייל סי איז מינכען,
אין דייטשענלאַנד,
יאָר נײַנצען־פינעף.

אין
דער
מדבר

איך וועל מיר אַ מאָל פאַראינזלן.
אַף אַן אינזל פון שטילן שטיין,
דאָרט וועט מיט מיר דער הימל
און די שלאַנגן זיין.

פייגל און פליגן וועלן פעכערן
קילונג אין הייסע טעג,
ווען סע וועט זיין זייער שטיל
דאָס וואַסער באַ דעם ברעג.

פון ים די פיש וועל איך בעטן
זיי זאָלן פאַרטרויען אין מיר,
און קומען מיט פישענע אויגן
שווייגן ביי מיין טיר.

דאָרטן וועלן מיר אַלע טראַכטן
געזאַנגען צום טאָג און צו דער נאַכט,
און איבער אונז אַלע וועט בלישטשן
אַ פערלמוטערנע פראַכט.

ליידיקע פּאָטשטן.

מיין חלום גייט אַרום
אין סאַמעטענע לאַטשן.
אַף גראָז ווי ראָסט און ווײַן
אַף ליידיקע פּאָטשטן.

עס ליגן עקדישלאַך באַם שליאַך,
פאַרטאַיעט צו די אייגענע עקלאַך.
עס פּאָרט אַ פור. יאָגן איר נאָך
אַ גאַנצע כאָפּטע בלעטלאַך.

מיין חלום טראָגט אַ העמד פון פלאַקס,
טוט זיך רויטלען און מינען.
אַ מאָטיק באַנוועל אין האַנט,
טוט ער טווינען און שפּינען.

ס'איז הערבסט. סי שמעקט מיט היי
און מיט ווינט-וואַסערן וואָס ריזלען,
פון אינזל דאָרט אַף יענער זייט—
שמייכלען ווייסע ציין פון קיזלען.

לידער־שטאָף



ווער ווייסט פון וואַנען לידער קומען!
ווי שטילע ווינטן איבער דער וויסטעניש
אַזוי קומען־זיי־אָן.

ווי אַ פּאָדים גראָז איז אייביקייטן פון ערד
און זון און הימל און שטערן,
אַזוי איז מיין ליד.

דער ים טראָגט די קליינע מושל־שאָל און אויך דעם וואַלפיש,
אַ בלאַט ציגאַר־פּאַפּיר און אויך אַ דעמבעברעט.
מיין לעבן טראָגט צום ברעג די שטילע לידער,
ווי טראָפּנס וואַסערן פון די מאָרגנביימער,
און אויך די לידער וואָס זענען ווי פּידקאָוועס,
אָנגעזשאַווערט שווער מיט טויטער שנאה.

מיינע שיפן

מיינע שיפן ווישן אַלע ימים איבער די ליפן
און הייסן זיי שווייגן,
מיינע שיפן זענען פול מיט אַייזן
מיט ווילן און טרויער.

מיינע שיפן גייען דורך אַלע שטאָרעמס,
האָבן פאַר זיי נישט קיין מורא.
פון שווערן שטיין און אַייזן
איז שווערער מיין סחורה.

מיינע שיפן זענען שווער און שטייף,
גרינג זענען נאָר די פאָנען,
זיי ווישן הימלן אין זייער גאַנג,
און רירן אָן די סאַמע אויבנאָנען.

שלאַנגען



אַף סיערא־נעוואַדער סטעפּעס
שלאָפן שלאַנגיכעס און שלאַנגען—
צישן זאַמד און שטיינער,
צישן גראָז און זאַנגען.

שלאַנגיכעס זיינען זייער שיין
ווען זיי ציטערן און צישן,
עס ברענען פיינע צינגלאַך סם
אַף שטיינערענע קישן.

שלאַנגען זענען הייליקע שריפט!
אויסגעלייגט אין צייכנס פון קבלה—
שלאָפן שטילע אותיות ווי שלענג,
אַ סוד און אַ קללה.

אַ מאָנומענט

פון העלע וואַסערטראָפּנס
איינס אַף ס'אַנדערע,
פאַרפינקעלט מיט לוואָנע־קאַלעך,
שטעל־איך־אויף אַ פּיראַמיד.

אַ פּיראַמיד פון וואַסערטראָפּנס,
אין דער ליכטיקער לבנה,
צום אָנגעדענק
פון מיין לעבן,
פון מיין ליבן,
פון מיין פינקלדיקער רגע אַף דער וועלט!

ביקאָן, נ.י.

I

באַטאָג און ס'איז טונקל. צינד איך אָן מיין לאָמפּ.
קומט מיט אַמאָל די זון אויף, די זון אויף.
ווערט מיין לאָמפּ אַ פאַרשעמטער, אַ פאַרשעמטער.
לעש איך אים אויס.
לעש איך אים אויס.

גייט אונטער די זון אַפּס ניי, אַפּס ניי,
קען איך שוין מיין לאָמפּ, מיין לאָמפּ
אין די אויגן נישט קוקן,
אין די אויגן נישט קוקן,
זיץ איך אין דער טונקעל פונם טונקעלן טאָג.

II

זי לייענט מיר לידער אין בעט,
מיין אויער איז אַף איר בריסטל,
איר פאָרצעלייען בריסטל.

זי לייענט מיר לידער אין בעט
און איך ווער אַנשלאָפן
אַף איר האַרץ, לעבן אירע לידער.



III

דער רעגן רינט דורך די רינוועס פון דאַך.
אַ נאַסער פויגל שטייט אַף יענער זייט פון פענצטער,
דער רעגן רינט און רינט און וויינט
אַף דאַך און שויבנגלאָז.

איך בין דאָ איינער אַליין אין אַלטן הויז.
קאָלאָניאַלער סטיל און מאָדערנער טרויער,
סי בליצט אַריין אין אַלטן שטילן קוימן
און איך בין דאָ איינער אַליין אין אַלטן הויז.

סי־געיט

אַפן דאָרף האָב איך געלאָזט באַרן און עפּל,
די פלאַטערפליגן אַרום די רויכיקע לאָמפּן
און בין צום ים אַוועק.—מיין האַרץ אַ באָד־טון
אין שוימיקער אומרו.

דער ים איז הויך און ווילד מיט אומגעדולד.
וואַרפט ער אויפגעבלאָזענע פרויען אין די וויגן.
ער גאָרגלט זיך דעם האַלז און שפּייט אַרויס
שפּענדלאַך פון אַלטע שיפן—
קאָרקען פון אויפגעריסענע פלעשער,
גלאַנצבערשטלעך און ראַקעס.

דאָס זאַמד איז גוט דורך פינגער דורכצעלאָזן.
ווי לעבעדיקע, דינע רגעס
רינט עס, רינט עס, דיקדיקדין.

שטאַרבט באַ דיר אַף קילע פינגער
און ביטערט נישט און זאָגט נישט גאָרנישט.

אָ, וואַרעם ליכטיקייט פון זאַמד אַף קילע פינגער!
אָ, טעג געפּערלטע וואָס צעגייען
ווי חלבנע טראָפּנס אין דער זון!

די צייט האַלט אַ גאָלדענע שעה



אַף אַ ליכטיק שנירל.
שפּילט זי צו–צו מיר,
נעמט זי קריק, אַף שפּאַס.

איך זיץ באַם ברעג פון ים, מיט בוך און ליולקע
און בענק נאָך באַרן אַף די ביימער.

אַ שיף ציט אָפּ און לאָזט נאָך זיך אַ דופט
פון הויכן קוימן־תענוג.
איך איינער זיץ דאָ באַ דעם ברעג פון ים
און טראַכט מיר אַזוי שטיל ווי בינען לייגן האָניק:

ביימער גיבן באַרן און אויכעט שאָטן.
די פּרוכט פון ים איז זאַמד און רויש.
מיין אויער ווי דאָס טשערפּל פון אַ שנעק
טראָגט אין זיך דאָס שווייגנדיקע רוישן פון דער וועלט.

„סטאַנציע
סאָסקוואַהאַנאַ"



דער באַן־בוהיי האָט זיך צעמרוקעט באַנאַכט.
אַ פּאָר הויזן אַפן פולמאַן־הונגער
האָבן אַ ציטער געטון.
אַ שילדל אַף אַ סטאַנציע האָט געזאָגט אין איילעניש:
סאָסקוואַ—
סאָסקוואַ—וואָס?

פעלדער האָבן זיך צעיאָגט,
האָרבאַטע ביימלאַך זענען געווען קאָמעדיאַנטן.
פון דעם געקוילעטן, וואָרעמן שטיק נאַכט
(אַפן וועג קיין סאָסקוואַ=וואָס?)
איז געגאַנגען אַ פּאַרע
און פאַרשמעקט די וועלט.
פעלזן האָבן געסלינעט אַפן קול.
טעלעגראַף־דראָנגען מיט שיסעלעך,
זענען געווען געדרוקטע נאָטן
פון עפּעס אַ ליד,
וואָס איז אַראָפּגעפאַלן
פונם הימל.

דער באַן־בוהיי
די אויגן פאַרבונדן מיט טיכלאַך פייער,
איז געלאָפן אין דער טויטער נאַכט אַריין
און געשריגן:
מאַ־מע־ניו!

די רויטע
שמחה

אַן אויבערשטע ברעגוואַנט האָט געברענט
אין לײבטשע דעם גבירס קאַמעניעצע.
דער פײערדיקער האָרן האָט געבלאָזן שופר
אין הימל אַרײַן,
געשראָקן די פאַרחידושטע הימלען,
וואָס האָבן געקוקט מיט קעלבערנע אויגן
און נישט פאַרשטאַנען אין וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

דאָס דערבײאיקע דאָרף, מיט בלאָלאַכע ברעזעס
האָט זיך מטריח געווען אַ ביסל נעענטער,
די שטרוי־דעכלאַך אַף די ווײסע שטיבלאַך
האָבן זיך אויפגעכאַפּט און צעשמײכלט מיט דערוואַרטונג.
זיך געשראָקן און געהאָפּט—ווי אַ כלה
האָפּט אַף דעם שרעק פון דער ערשטער נאַכט.

נאָר אַז:
דער שופר־האָרן איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן,
אַ נעם געטאָן מיט אַ טאָן העכער,
האָט דאָס נאָנטע דאָרף, מיט די צאַרטע ברעזעס,
אויפגעשטעלט מויל־און־אויערן:
אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג פונם פײערדיקן האָרן,
און מיט רויטזײדענע טאַלײסים איבער די קעפּ,
זיך געגרײט צום יום הדין,

צום ליכטיקן טאָג־פון־אַלע טעג,
צום יאָנטף פון פייער.

פון דער ווייטן זענען ליאַלקעלאַך געשטאַנען,
מיט געפּינטעלטע פּאַטשיילעס אַף די קעפּ,
און געבראָכן די קליינע הענט.
ווי אין אַ חלום פון הויך־קאָלירטע מאַריאָנעטן.

בערדיקע מענטשלאַך האָבן געטראָגן עמערס,
ערגעץ האָט עמיצער, דאַכט זיך, געוויינט.
און דאָס געוויין איז געווען אָפּגעגליישט אַזוי שיין־
מיט פייער, מיט גאָלדענעם פייער.

באַלד איז—
געוואָרן אַ גאַנצע קאַפּעליע פון צינג־צונג
קלינג־קלאַנג—אוהי, איהאָ!
ס'בערגל מיסט לעבן אונזער אַלטער שטוב
איז געוואָרן אַ הויפן לאַכענדיק גאָלד.
דער מוטיקער שפּיץ פון קלויסטער־טורם האָט זיך גערירט,
קריקגעוואָרפן ס'פייער—דעם פייער אין פּנים אַריין,
דערשלאָגענע פענצטער האָבן זיך אָן עפּעס דערמאָנט
און גענומען טאַנצן אין דער קרום,
צעכאַפּט ס'פייער ווי מצה־וואַסער
און עס צעטיילט—פון שויב צו שויב,—
„דיר אַ ביסל—מיר אַ ביסל".
ס'גאַנצע שטעטל איז געוואָרן אַנדערש און ליכטיק,

ליכטיק מיטן שײנעם יאָנטעף פון פײער—
וואָס שפּילט אַף אַ גאָלדענעם האָרן.

די באָבע לײטשע האָט געראַטעוועט אַ קופּערנע פּאַן.
נאָר די קופּערנע פּאַן איז גאָרנישט געווען אַזוי להוט
צו אַנטלויפן פון דאַנען.
פאַרקערט: זי האָט זיך געשפּיגלט אין אונזער אומגליק,
זיך געשפּילט מיט די פונקען, ווי קינדער מיט אַ רעגן.

דער זײדע נחום־בעריש האָט געראַטעוועט די בײטש,
און געוואָלט אַרויסטרײבן ס׳פערד פון שטאַל.
אָבער דאָס פערד איז אַלײן אַרויס אין גאַס,
אַקעגנגעגאַנגען דער רויטער שמחה, מיט אַ שטריקל אַפן האַלז,
מיט פאַר׳חידושטע אויגן, און מיט אַ העש־שע־שע.

די מאַמע מיט דעם טאַטן האָבן געפּאַקט אַף דער פור
קישנס און איבערבעטן. און איך אַלײן
האָב אָפּגעטריבן און דערהאַרגעט פונקן,
ווי מ׳טרײבט־אָפּ און מ׳האַרגעט פליגן.
ביז אַ פונק האָט אַ קוש געטאָן מײן ווינער הוט
און ס׳איז מיר געוואָרן אַזוי ליכטיק—
ווי אין אַ חלום פון אַ סאָד מיט ווײנשל!

דעמאָלט האָט דער טאַטע מיט דער מאַמען—בײדע
מיך אַ נעם געטאָן בײ די ליכטיקע, קינדערשע הענט,
און מיר האָבן גענומען לויפן, הינטער דער שטאָט,

צו די גויעשע גערטנער
באַם טייך זלאָטאָ־ליפּאָ,
וואו אַ משפּחה־ווערבע־ביימלאַך האָבן אונז אויפגענומען
מיט אַזאַ מין שמחה,
גלייך היינט וואָלט געווען שבועות.

דעמאָלט האָב איך איבערגעלאָזט די מאַמען
אין איר העלישן יאָמר,
דעם טאַטן מיט זיין פאַרטראַכטן בליק,
צו אונזער גאָלדענעם הויפן מיסט,
און אַליין בין איך אַוועק צום וואַסער,
מיר אויסגעשניטען אַ ווערבענע פּייפעלע,
און מיך צעשפּילט, מיט אַזאַ פרייד
ווי איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געשפּילט: אולי! אולאַ!!

מײַן
טעלעגראַף־פֿידל

איך מאַך מיר אַן אײגענעם פֿידל,
ער גרײכט פֿון עק װעלט ביז עק װעלט.
אַ טעלעגראַף־טעלעגראַף פֿידל,
מיט טעלעגראַף־דראָטן פֿאַר סטרונעס,—
אומענדליכע־ענדליכע סטרונעס,
װאָס גיסן אין אויער פֿון דער װעלט
נאָר בוימל און באַלזאַם און װײַן.

און אָט־אָ־דער פֿידל,
דער טעלעגראַף־פֿידל,
ער פֿליגלט די מענטשן,
און װיגט אײַן די טויבן,
און שלעפֿערט דעם טיגער,
און רואיקט די מערשקעס,
און זאָגט זײ אַזוינס,
װאָס איז העכער פֿון הימל,
פֿון מילכװעג—װײסער,
און רײנער װי גאָלד,
װאָס פֿאַלט פֿון די שטערן.

און איך בין דער פֿידלער.

זײַ ערגעץ באַהאַלטן
אין װינקל פֿון װעלט,

דעם רעגנס־אַ־בויגן
נעם איך אַראָפּ פון
געוואַשענעם הימל
און גיב מיר אַ שפּיל.

העהאָ, דו מיין פידל, מיין טעלעגראַף־פידל,
מיין נייער, מיין פרייער טעלעגראַף־פידל.
זאָלסט שפּילן אַ פריילאַכס פּאַר פליי און פּאַר פליגן.
פּאַר בעטלערס אין הקדש, פּאַר קינדער אין וויגן;
זאָל טאַנצן דער טויט און זאָל טאַנצן דאָס לעבן,
דער ליכטיקער טויט און דאָט פינצטערע לעבן!

העהאָ, דו מיין פידל, מיין טעלעגראַף־פידל,
מיין נייער, מיין פרייער, מיין טעלעגראַף־פידל.



קלינגל־ווינגל

קלינגעל־ווינגעל פֿאָרט דער ווינט
אַף אַ שטילן לאַנדאָלינד.
שפּילט זיך נאָר מיט וואוילע זאַכן,
און ער וויל קיין מעל נישט מאַכן.

וואַרטן מילן אַף זיין קומען
(האָבן שוין זיין קול פֿאַרנומען!)
ער זאָל מאָלן מעל אין מיל
און די רעדער שטייען שטיל.

קלינגעל־ווינגעל פֿאָרט דער ווינט
אַף אַ שטילן לאַנדאָלינד.
פֿלידער־פֿלעדער, פֿליט ער אום.
און ער זאַמט זיך אומעטום.

ביי די מילן ליגן פֿערד,
פּוירימלאַך מיט האַרטע בערד—
ליגן טויט־פֿאַרשמאַכט און שטיל,
און זיי וואַרטן אַף דער מיל.

תבואות ליגן ביי דער שוועל—
און זיי ווילן ווערן מעל.
קלינגעל־ווינגעל, וואָס מיר מעל?
וואָס מיר מיל? און וואָס מיר מעל?

מיידלאַך האָבן לייכטע לאָקן
און ס'איז גוט צו גלעטן גלאָקן
און צו פֿלוידערן אין אויער:
—„צי געדענקסטו בײַ דעם טויער?‟

וואַרטן ימים אַף זיין קומען
(האָבן שוין זיין קול פֿאַרנומען!)
ווילן שיפֿן אונטערגיין
און זיי קענען נישט אַליין.

וואַרטן דעכער אָפּצופֿליען
און זיי טוען זיך באַמיען.
נאָר דער ווינט—ער קומט נישט אָן,
ווייסן זיי נישט וואָס צו טאָן.

קלינגעל-ווינגעל פֿאָרט דער ווינט.
אַף אַ שטילן לאַנדאָלינד.
און ער שפּילט זיך מיט אַלצדינג
וואָס איז זינגעוודיק און גרינג.





דעם
לעבן
אַ לויב

ווי שיין מיין אויער האָט היינט געהערט.
עפלי. דינוואַן. פליר.
(דעם לעבן זיין לויב!)

ענזו. אַנו. צינלאַ.
(דעם לעבן זיין לויב!)
אין די ווילן פון מיין זאַטן פוס
רוישט אַ שניי־געזאַנג—
עקר־עקר.
רירו. רעפאַ.
(דעם לעבן זיין לויב!)

דער טאָג צעברעכט זיך
אַ העלפט די בערג.
אַ העלפט די טאָלן.
(דעם לעבן זיין לויב!)

די יאָדרע פונם טאָג
איז ווייס ווי אָפגעשיילטע מאַנדלען.
און פידלען פליען אין דער לופט,
העכער פון פאַוועס.
ליכטיקער פון חופה־נאַכט חלומות.
(דעם לעבן זיין לויב!)

אַ דריטער

צישן לעבן און טויט, ליג איך
ווי אַ דריטער
צישן מאַדאָודוויײַב.

איך לאָדנישט־צו,
אַז די צוויי זאָלן זיך באַהעפטן
אין ליבע.

בײדע קרעכצן,
וואַרפן זיך,
ווילן זיך די הענט אַריבערגעבן
איבער מיר.

איך ליג וואַך און קאַלט
צישן זיי
און צעטייל זיי!



מענטשן
זאָגן

אַלע זאָגן אַז איך ווער גרוי,
נו ווער איך גרוי!
אַז איך קוק אַריין אין שפּיגל,
זע איך טאַקע אַלטן ווייַן
אין אַ יונגן קריגל.

די גרויקייט פּאַסט מיר זייער
צו מיין יונגן פּנים,
אַף מיין יונגן וויאַנען, זענען דאָ
פּיל איידעלע בעלנים.

אָ גרויער קאָפּ מיינער,
לויכט מיר דורך דעם וועג צו גרינע זיגן!
סוף זומער. אַף מיין פענצטער ראַשן זיך
די גאָלדענע פליגן.

אין ברוקלין

דער „על" גייט פאַרביי,
אַ שטילע וועלט! —
אין מיטן ברוקלין,
אַ גרין שטיק פעלד.

דאָרט זייעט מען קינדער —
פון קעסטלאַך אַרויס,
גייען־אויף מצבה'לאַך
פון דער גרינער שויס.

מיט מאַמעס און מיט פייגל
איז דער גאָרטן באַקראַנצט.
שטענדיק אַקערט מען דאָרטן, —
מי זייעט און מי פלאַנצט.

על־גיל
און גיל־גלאַן

על־גיל, און גיל־גלאַן,
ווער האָט נאָך אַזוינע קלאַנגן געהערט?
נישט קלויסטערס, נישט תפיסות קלינגן:
על־גיל און גיל־גלאַן.

נאָר באַ מיר
אינ'ם אויער
איז זיכער פאַראַן:
על־גיל, און גיל־גלאַן.

ס'איז אַ ליד פון אַ וויסטע
מיט פלאַמיקע בערג,
און אפשר פון הענדלער
אויף פערלנע מערק.

על־גיל און גיל־גלאַן,
צום טויט איז אַ שפּאַן.

שטיל ווי טוי

שטיל ווי ס'פּאַלט טוי באַנאַכט,
פּאַלט מײַן ליד אַף מיר.
עס קומט דורך שטיינערנע ווענט,
דורך פֿאַרשלאָסענער טיר.

עס קילט און פרישט אינדערפרי,
עס קילט און פרישט אין אָוונט,
און אַף די ברעמן ציטערט עס,
ווען די נאַכט איז נאָוענט.

אין ביבליאָטעק

עס האָט אַף גריכיש און לאַטיין
צו מיר גערעדט אַ בוך.
כ'האָב זיין לשון קוים קוים פאַרשטאַנען.
אַ שטים פון שטויב. פון איינעם
וואָס איז שוין לאַנג צו שטויב צישן שטיינער.

דאָס שער־בלאַט פון דעם בוך
אַף גריכיש און לאַטיין,
געטראָגן האָט אַן אָפּבילד פון אַ מענטשן
אַן ערנסטן, אַ גוטן,
זיין קאָפּ געווען איז אויסגעצירט מיט מירטן.
זיין האַנט גערועט האָט אַף שטאָלצער שווערד.

איך האָב דאָס אַלץ אַזוי באַטראַכט:
דעם קאָפּ מיט מירטן, די האַנט אַף שטאָלצער שווערד,
דערנאָך בין איך מיט אַ גאַסנמויד אַוועק
און האָב מיין צייט צו איר געגעבן.

אַ קינד שלאָפט



דורך די האַלבאָפענע פויסטלאַך
פון דעם שלאָפנדיקן קינד—
פליען פליגן
אַריין און אַרויס.

פילן זיך היימיש
ווי אין אַ פינעף־רייפיק־פעסעלע
אַ קליינס,
וואָס שמעקט מיט בלוט און מילך.

מײַן שטאַם

מײַן עלטער־עלטער־עלטער זײדע

מײַן עלטער־עלטער־עלטער־זײדע
פלעגט קנאַקן קעפּ,
װי מ׳קנאַקט קאָקאָ־ניס:
זײ אױפהענגען אַפן האַלז
לכּבוד אַ צענאָגטן בײן,
אָדער אַן אױפגעריסן װײַב,
און װאַרפן פײַלן אין זײַן אײגן אויג אין װאַסער.

מײַן עלטער־עלטער זײדע

מײַן עלטער־עלטער זײדע
האָט געשליפן פּיראַמידן.
ער און ס׳ײנגע ברודערל זײַנס
פלעגן שלעפּן אַ פּיראַמיד,
פון דנגוז ביז קרדימא
(װאָס בײַ די װאַסערן פון חפצר)
און פלעגט װישן זיך דעם שװײס
מיט גרױסע בלעטער,
און נאָכדעם אָט־די בלעטער
נוצן פאַר געזאַלצנס
צו עסן מיט די רױע גראָזן
און מיט זשאַבעס.

מײַן עלטער־זיידע

מײַן עלטער־זיידע איז געווען
אַ דיקליכער כּהן־גדול.
פלעגט שטײן אין בגדי־כּהונה
און מאָלן טײוולסקויט מיט חלבנה
געמישט מיט מי־רגלים
און אונטערזינגען:
הדק היטב
היטב הדק.
(ווײַל ס'קול איז גוט פאַר בשׂמים).
און שרײַען אַף די דאַרע ישׂראלימלעך
למאַי די לעמער־נירן זענען אַזוי מאָגער?
און למאַי זיי פאַרגעסן נישט קײן זאַנגען אויפן פעלד?
און לאָז זײַן שטילער, ווײַל די בשׂמים קענען נישט
פאַרנעמען גוט זײַן זיס און הײליק קול!

מײַן זיידע

מײַן זיידע איז געווען אַ שוחט.
פלעגט אַרומגײן מיט זײַן חלף
איבער קעלבל־העלזער,
ווי אַ קלעזמער גײט, אַ שטײגער, מיט זײַן סמיטשיק
איבער פידל־סטרונעס.
פלעגט מורמלען ברכות אַלערלײ,
וואָס פלעגן פאַלן אַף זײַן באָרד דער נאַסער—
און ווערן פעט פון בלוט.
און גאָט פלעגט זיך מיט זיי באַלעקן.



מײַן טאַטע

מײַן טאַטע איז געװען אַ שײנער ייִד,
באַזײדנט און באַאַטלעסט.
פֿלעגט גײן מיט קלײנע טריט אום שבת
(און אין מײַן מאַמעס האַרץ).
און שטענדיק װען ער פֿלעגט צו זײַן פֿאַרפֿרײלעכט
פֿון גוט געשעפֿט און גוטן שנאַפּס,
און אָנגערױטלט שטאַרק פֿון װאַלד און װינט —
(און גלוסטונגען צו ײנגע שיקסעס)
פֿלעגט ער פֿײַן אַ נעם טאָן
די שײנע באָרד צישן זײַנע הענט
און זאָגן צו מײַן קלײנעם מאַמעלע:
—„דרך־ארץ, דו! נו, אָ.
— איך שטאַם פֿון אַלטען זימעלע ר׳ יואלס —שטאַם איך!"
און פֿלעגט זיך זעצן טונקען שטיקלאַך לעקעך
אין אַ קעלשיקל אַ גרינס מיט בראָנפֿן.

איך אַלײן

איך אַלײן טראָג פֿאַרביקע קראַװאַטן,
און קלײדער פֿון דעם בעסטן װאָלשטאָף.
האָב די בעסטע טיש־און־בעט־מאַניערן
און פֿרױען האָבן ליב מײַן חוצפּה,
האָבן ליב מײַן גרױען הוט, װאָס ליגט אַזױ פֿאַרשײט
אױף מײַן ײנגן, גרױען קאָפּ.
מײַנע ליבעס זענען קלײן און אױסגעטראַכט.
און װערן נמאס און דערעסן — װי די שניפּסן.
און אָפּטמאָל אין די הױכע רגעס זאָג איך צו מײַן בעסטער:

ווי אַ העמד
וואָס איז נאָענט צום אייגענעם לייב,
אַזוי ווילט זיך איבערבייטן
אַן אייגן ווייב.

און זי ווערט דערציטערט אַזש פון מיין ווילדער גראָבקייט
און זי קלאַמערט מיך אַרום נאָך שטאַרקער, שטאַרקער.

און גוט בין איך פאַר אויג און אויער. מיין צעפּאַלנקייט
איז ווי דאָס דופּטיק־פּיינע וויאַנען
פון דעם לעצטן עפּל אין אַ ווינטער־וואַלד.
מיין זעל גייט אָפּט אַרום אָן אונטער־וועש.
און בושה האָט זי נישט, נאָר ווייטאָק
פאַר דעם מענטש, וואָס מעג זיך שעמען
מיט זיין אויסגעטראַכטער בושה,
וואָס באַמבלט אים פון מויל אַראָפּ
ווי אוירינגלעך ביי פרויען, וואָס זאָגן „ניין" און טוען „יאָ".

מיין אויג איז מוטנע־ברוין. מיין אויער איז שיין.
מיין קאַרק איז בורזשואַזנע מיאוס־און שיין.
מיינע אַפּעטיטן ווערן אויפגעגעסן אָפּט
אינאיינעם מיטן עסן, וואָס איך עס.
מיין שוואַכקייט איז: אַ בויכעדיקע דאָנהיל־ליולקע
און אַ נעגער־ווייב — אַביסעלע פּאַרווייסט,
ווי קאַווע, מיט אַ מילכיקן געדאַנק,
און אַ קרוג מיט זויערלעך־זיסן ווייסן וויין.

מיין מאַנטל איז אַ ליכטיקער און ברייטער —
דעקט ער צו אַ סך, וואָס איז אַ סך און אָפּט.



מײַן טאַשנטיכל װײסט אַמאָל פון אַזױנע מײַן גנבות,
װאָס קומען פאָר בײַ די װינקלען פון די אויגן.

מײַן נאָז איז לאַנג — און קען דעם דופט
פון הונדערט אָדער מער.
און האָט זיך איר באַגריף פון װײַבער און פון ליבע.
און די גאַנצע װעלט פון קונסט, איז
קלײַן אין אירע אויגן,
פאַרגלײַכט צום דופט פון האָר אונטער מײַן געליבטערס אָרעם.

מזרח
לידער

I

דאָס מײדל טוט שטײען בּײ דעם װעג
אין נײעם פּערקאַלענעם קלײד,
שאַרף און פאַרגאַפּט װי אַ שװערט
װאָס איז ערשט אַרויס פֿון דער שײד.

אינגאַלע, אינגאַלע, זע,
מיט פײערקויל מאַך איך אַ רעדל.
דאָס מײדל טוט שטײען בּײם װעג
אין נײעם פּערקאַלענעם קלײדל.

ס׳העמד אויפגעבּלאָזן בּײם האַרץ.
דער װינט טאַפּט די בּריסט בּײ דעם מײדל,
װאָס שטײט אויפ׳ן דאָרפישן װעג
אַלײן אין פּערקאַלענעם קלײדל.

גײט זי אַװעק צו דעם האָן:
און װײזט אים דאָס טײערע קלײדל,
און װײזט אירע בּריסט פאַר דעם קאַלבּ —
דאָס לײבּ אין פּערקאַלענעם קלײדל.

II

אַריבער אַלע פּלויטנצוימען פֿאַלן בורשטינענע פּלוימען.
אַלע וועגן זענען פול מיט פּרוכטן
און מיט געקריי פֿון הענער.
שטומע, בלינדע געצעלטן
אָפּגערוקט איינע פון די אַנדערע
ווי שונאים, וואָס געדענקען שוין נישט
אַקוראַט פאַרוואָס די שנאה איז געקומען.
פּיאַווקעס שווימען אויף דער אויבערפלאַך פון שטילן פלוס,
קאַטשקעס גליטשן זיך אויף גלאָזיק וואַסער,
דער בושל בוקט זיין שטאָלצן קאָפּ צו זיינע נאַריש־הויכע פיס
און שטוינט דאַפון,
וואָס ער איז פון אַלע פייגל העכער.

III

עס ווייִנט אַ הונגעריקער וואָלף ביינאַכט.
עס ווייִנט אַריין דער וואָלף
אין אַ הונגעריקער נאַכט וואָס ווייִנט
אין ווייִנענדיקן ווינט.

זיין געשריי דערהערט אַ מילב
וואָס ליגט זיך רואיק אויף אַ בלאַט
אין זאַטן פרוכט־וואַלד: זאַט!

און לאַכט איר זאַטקייט
אין דעם זאַטן בלאַט אַריין,
און שלומערט־איין,
פאַרוויגט פון וואָלפ׳ס געוויין.

IV

וואָס פאַרגייט?
נישט די גרינליך־בלאָע־רויטע זון
פאַרגייט.
נאָר מיין לעבעדיקער טאָג פאַרגייט.
צעבלוטיקט,
הינטער אַלע בערג.

וואָס גייט־אויף?
נישט די אַלטע, מעשענע לבנה
נאָר מיין אַלטער, אָפּגענוצטער טרויער
שווערער ווי אַ זאַק מיט אַייזן אויפן נאָפּל.

V

אַ פייל איז אין מיין לייב.
איך פאַרב דאָס זאַמד אַף רויט.
מיין קעמל קייט דעם קינבאַק פון זיין שאָטן,
דער דאָרשט קומען אָן אַ שטאָלצער ווי אַ בעטלער.

דאָס זילבערנע רייפל אַף מיין אָרם,
רעדט צו מיר פון נעכטענס גלאַנץ.

דער וויין איז גוט געווען.



די פרויענליפּן–זיסע בעכערס פאַר דעם זיסן וויין.
איצטער מוז עס זיין!

אָ, מוטער וויסטעניש, מיין בלוט נעם צו,
גיב מיר אויפהער, גיב מיר רו!
זאָל דער פיינט נישט וויסן, און נישט קיינער,
וואו עס דארבן מיינע טויטע ביינער.

יוכינטשע
בן איקרא



דאָס זענען די רייד פון ר' יוכינטשע בן איקרא:
צו זיין אַן אָרימאַן איז זייער פּריקרע!
דאַריבּער אַז דו פּאַרקויפסט פלאַקס צו אַ גוי—
נעם שטעל אַרויף דיין פוס אָטאַזוי.

פּאַרקויף נישט צו קיין אידן, און קויף בּאַ ערלים,
וועסטו טון פּאַרמאָגן גאָלדענע כלים.
גאָט איז הויך נאָר פּרנסה שטייט העכער,—
מיט געלט קענסטו קויפּ'ן זילבּערענע בּעכער.

און אויבּ דו בּיסט אַ שענקער, זאָלסטו נייטן—
מ'זאָל קויפן צוויי טרונק־בּראָנפנס אַף אַמאָל.
ראשית איז דאָס אַ גלייכע צאָל,
והשנית איז דאָס אַ כלל אין אַלע קלייטן:
וואָס מען פּאַרלירט בּאַ איין שטיקל סחורה,
מוז מען אָפּמאַכן בּאַ אַ צווייטן.

צינאַ

עס וואָיען ווי צוויי הינט אירע שווערע פּיס,
איר חלום איז אַ קרומער און אַ לאַנגער,
עס עקלט זי פון אַלעס וואָס איז זיס—
זי איז קראַנק און פאַרליבט און שוואַנגער!

איר הויכן בויך זי שלעפּט אַרום אין גאַס—
ווי עס שלעפּט זיין שטייג אַ חיות־פאַנגער,
ווי אַ יאַדלע־בוים איז זי זאַפטיק־בלאַס—
זי איז קראַנק און פאַרליבט און שוואַנגער!

קעציש היטן אירע אויגן מיר די טריט,
זע איך דאָס, ווערט מיר וואָס אַ רגע באַנגער,
פאַרגעסן אין איר טאָפּל־נפש קען זי ניט—
זי איז קראַנק און פאַרליבט און שוואַנגער!

ניוניאַ



אַ לענגערער צאָפּ,
אַ לענגערע ברעם,—
עס גייט נישט אין דעם.

אַ גרעסער אויג,
שענערע הענט,—
נישט אין דעם איז געווענט.

רויטערע ליפּן,
ווייסערע ציין,—
עס גייט נישט אין דעם.

אַ גרעסערער פונק
אין אויג אַז עס ברענט,—
אין דעם איז געווענט!

אַלטע
ליריק

א פויגל זינגט, איך הער מיך אײַן,–
דאָס ליד קלינגט מיר באַקאַנט;
צי האָב איך נישט דאָסזעלבע ליד–
געהערט בײַ מיר אין לאַנד?

אוי, פויגל, זאָג, ווי קומט צו דיר
אַ בענקען אַזוי טיף?–
צי האָסטו נישט פון האַרץ בײַ מיר
גענאַנוועט דעם מאָטיף?

מיט וועלכן שליסל?

מיט וועלכען שליסל וועל איך עפענען—
דעם זילבערנעם שלאָס, צי דעם בלעכענעם,
ווען איך וועל מיך אומקערן פון פּאָליוואַניע,
קריק צו מיין אַלטער ניאַניע?

—האָסטו דען נישט באַקומען די לעצטע פּאָסט?
דיינע שליסל און שלעסער זענען רויט פון ראָסט.
דאַרפסט אָבער נישט זאָרגן מיין פריץ. קענסט רעכענען,
מיר וועלן די שלעסער דיר זיכער שוין עפענען.

מיר נעמען אַ האַמער, אַ האַק, צי אַ שטיין,
דערשרעקט זיך דער שלאָס און ער עפענט אַליין.
אוי, וועט זיך טראָגן דעם פריץ׳ס געוויין,
ווען מיר וועלן נוצן שטאָט שליסל — אַ שטיין!



היינט
באַנאַכט

I

מוירע מוריינע: פּאַני איך!
כ'טו מיר אָן די בלאָע שיך,
כ'גיי מיר אין גאַניידעמיל
און זעץ מיך אויפן ביידעמל.
כ'טרינק מנוחה־זאַפט צו ביסלעך
און פאַרבייס מיט שיכור־ניסלאַך.
און דערנאָכדעם וויל איך דרימלען—
נאָר די פאָנאָגראַפן טימלען.

II

אַף אַ יעדן שייבל
פון מיין קליינעם פענצטער,
בלוטיקט אַ גוטנאָוונט
און ער טראָגט זיך אָפּ.

ווייס
ברויט

כ'האָב דאָ היינט באַ נאַכט:
אַ פעסל מיט לבנות,
שפּיגלדיקע שפּענער,
סאַמעטענע דילן.
. . . .
. . . און גאָלדענע מינוטלאַך
שפּרינגען פון די טרעפּ.

ושתי

וואַש אויס די וועש מיין ושתי,
מיין האַרציקע מיין טרייע.
איך דאַרף אַף שבת־קודש
פרישע גאַטעס–נייע.
העמדער מיט קאַפּריזולעך,
פרענזולאַך פאַר די העלזער.
פאַרגעס נישט: כ׳בין אַ חסיד
פון דעם אלטן בעלזער.

א דור
גייט
א דור
קומט

צומערשט מאיר איציק׳ס,
דערנאָך איציק מאיר׳ס,
דערנאָך ווידער מאיר איציק׳ס:
אַזוי דורך דורות דורות און דורות
און דורות און דורות.

פון קרוג צו קרוג
גיסט זיך דער איידעלער איל,
ביז דער טעם צעוועפּט זיך,
אָדער דער לעצטער קרוג צעבּרעכט זיך.



פידלען
און פעכערס

I

פידלען און מנורות
זילבערנע בעכער.
אָבער בינטלאַך טרערן
שטיין ביי מיר העכער.

II

צו מזרח פון אומבאַקאַנטן לאַנד—
זענען גערטנער מיט זאַפטיקע טרויבן;
צו מערב פון אומבאַקאַנטן לאַנד—
זענען פענצטער מיט בלוטיקע שויבן.

די שעה

I

זייגערס האָבן וואָגן–
וועגן זיי די צייט.
זעכציק טויזנט פּודן
וועגט מיין איצטיקייט.

II

די שעה איז צאַרט ווי גאָלד־פּאַפּיר,
זון איז אַף מיינעביידע אַקסלען,
איך בין אַ מיטל־פּינטל
צו אַפּטייקערישער וואָגשאָל,
אַף וועלכע עס ווערן שאָטנס געוואויגן.

גאַל
און גאָלד

I

גאַל און גאָלד רינט דורך מיינע רגע׳ס
האָפּן שמעקן אין מיינע אָדערן.
און שכור בין איך
פון מיינע איידל־זיסע טראַכטונגען.

II

שדים פירן אַ פור
מיט גאָלדשלאַק באַשלאָגן,
עס דרייען זיך 4 רעדער
אַליין – אָן אַ וואָגן.

זעלנער
גייען

כ׳לייג צו ס׳אויער צו דער ערד
הער איך זעלנער גייען,
זיי רייטן אַף שוואַרצע פערד
זיי בליצן מיט ווייסע ציין.

זעלנער, זעלנער, זעלנער!

די ריזיקע חילות,
זיי קומען פון דער וויט;
זיי ווייסן אַז אַמאָל איז—
געווען אַ גוטע צייט.

צייט, צייט צייט!

זיי שטייען און זיי שווייגן
באַ גרינע בערגלאַך ערד,
עס קייען גראָז און צווייגן,
שטילערהייד די פערד.

פערד, פערד, פערד!

זיי קומען אין מיליאָנען
אָפּגעמיט און שטום.



זײ טראָגן װײסע פּאָנען
און שמײכלען אַזױ קרום.

קרום, קרום, קרום!

פֿאַרױס עס רײַט דאָרט אײנער,
אַף בײדע אױגן בלינד,
אין טאָל פֿון טױטע בײנער
עס בלאָזט אַ גרױסער װינט.

װײ, און װינד!

זײ רוען לאַנגע שטונדן,
פֿאַרגליװערטע אָן כּח,
און צײשן זײערע װאונדן
איז די לבנה אויך!

קוראָ־
פּאַט־
קאַלע

צום יונגן שוחטס—
געמיינע
יאַטקאַלע,

גייט אַליין,
דאָס שיינע
קוראָפּאַטקעלע!



אַ װעגעלע
שאָטנס

איך פֿיר הײנט אַ פֿולע פֿור מיט שאָטנס,
אַפֿן יאָריאַריד.
שאָטנס פֿון װאָלקענס אַפֿן ים,
שאָטנס פֿון שפּינװעבס אַף בלאָע טרױבן,
שאָטנס פֿון ליבשאַפֿט און פֿון אײדלשטײנער.
שאָטנס פֿון פֿידלען און פֿון פֿעכערס,
שאָטנס פֿון אױסגעקלונגענע גלעקער.
שאָטנס פֿון גוטיאָנטעף־גוטיאָר.
שאָטנס פֿון אַ בלאָנדן קאָפּ האָר.

דער װאָגן איז שװער,
די װעגן זײנען שװער,
די בלאָטעס זענען טיף.
דער שאָטן פֿון פֿערד־און־װעגעלע—
שלעפּט זיך קוים־קוים־קוים,
איבער די שװערע װעגן.

דאָס שאָטן־באַלאַגאָלעכן שילט זיך,
אַ שאָטן פֿון אַ טרונק בראָנפֿן װילט זיך.
ער צעלאַכט זיך פּלוצים
װי אַ געפּלאַצטער פֿיש־בלאָז,
און גיט אַ זאָג אונטער דער נאָז:
נאַדיר גאָר אַזאַ משא צום טיש!
װיאָ, װיאָ, פֿערדעלע,
עס איז קײלעכדיק דאָס ערדעלע!



ביכער

אין ביכער מישן זיך לעבעדיקע מיט טויטע,
ווייערע שטימעס קומען זיך צונויף.
קושן זיך די ליפּן פון די מתים
מיט לעבעדיקע ליפּן.

אין אַלטע ביכער רעדט דער טויטער,
לויבט די אייביקייט פון לעבן!
ווי גוט עס איז צו זיצן איבער אַלטע ביכער
און הערן בכבודיקע מתים זאָגן ליגן.



מיין
מאַסקע

וויִ גוט עס איז די זיסע זעט,
בין איך מיט מיין הונגער זאַטער.
אַ לאַנגער סאַנטשעפּאַנטשע גיי איך אום,
און שפּיל טעאַטער.

בלאַסע העלדן פּאַסן צו מיין אָנגעזיכט.
צו דעקלאַמירן בין איך דאָך געבוירן,
אין די קאַלטע ווענט פון אַ טעאַטער,
וועט מיין שאָטן גיין פאַרלוירן!

סעפּטעמבערגאָלד

סעפּטעמבערגאָלד – ווי פֿאַלט עס בלאַס
אויף באַרג און טאָל אַראָפּ,
און ציטערט קאַלט און שוואַך, ווי קלויסטער־שײַן–
אויף אַ נאַקעט־ווײַסען זקן־קאָפּ.

סעפּטעמבער גאָלד! ווי קאַלט און דין עס איז,
אָן וואַרימקייט, נאָר צאַרט, און גלאַנציג פֿײַן,
און ווי אַ זונה – בלייך אָן לעבנ־פֿרייד אין זיך,
עס פֿאַלט אין מײַן נשמה קאַלט אַרײַן.

סעפּטעמבער גאָלד! די קראָען באָדן זיך אין דיר,
און זינגען זייער איינציג טויט־ליד:
איך איינער שיט מײַן בליק אַף פּוסטע פֿעלדער אויס
און פֿיל מיך פֿון דער גאָלדלאַסט אַזוי מיד!

ליקעירן

שערבעט און קאָניאַק
און אויך דובאָנעי,—
טרײַבן מיט בײַטשלאַך
מײַן װײַטאָק, אוי־װיי.

װיסקי, אַבסינט
קאַװע און טיי—
שלעפּערן אײַנעט
מײַן װײַטאָק, אוי־װיי.

דערווייל

I

איך פאַל פון דעם פופציקסטן שטאָק!
נאָר פאַלענדיק פאַלט נישט מײן מוט;
איך גריס דורך די פענצטער און זאָג:
„ביז איצטער איך פאַל נאָך גאַנץ גוט!"

II

עס קלאַפט די שעה אַף אַ באַראַבאַן,
עס שפילט די אײביקײט אַף שטילער האַרף.
צישן בײדע מעסט איך אויס מײן שפאַן.—
בלויז נאָר אַף דעם ברעג איז דאָס מעסער שאַרף!

צום גאָט
פון היינריך היינע

איך האָב פון מיין טאַלענט
נאָר פינצטערע לייד,
ער באַקט מיר נישט קיין ברויט,
ער נייט מיר נישט קיין קלייד.
ער שלעפּט אַף מיר נאָר אומגליק
וואו ער שטייט און גייט!

נאר איינמאל אין אַ חגא—
באַווייזט זיך מיין טאַלאַנט,
אין אַ רוימישער טאָגע
אַ מירטע אין דער האַנט.
נו, וויאַנען מיר אין דרייען
ווי אַ גרעזל אַף דער וואַנט.

טוען טוט ער גאָרנישט,
ער זידלט נאָר די וועלט.
נו צאָלט מען אים מיט שטיינער
אָנשטאָט מיט גאָלדן געלט.
אוי אָך איז מיר מיין לעבן!
און פינצטער איז מיין וועלט!

זינט איך האָב אים נאָר דערקענט—
ווער האָט אַ רואיקע מינוט?

וואָס איך טו — איז אים נישט רעכט,
און וואָס איך זאָג איז נישט גוט!
ווי אַ טרייע פּיאַווקע,
זויגט ער מיר מיין בלוט.

גאָט פון היינריך היינע,
נעם דיר קריק דיין טאַלענט!
אנשטאט געדאַנקען פיינע,
גיב מיר שטאַרקע צווי הענט:
וועט מיר נישט נעצן פון דער סטעליע,
און נישט בלאָזן דורך די ווענט!

תם ונשלם



פאַרצייכעניש

ברויט

באַ דער וועלט אַף טיי 10
דער חלום גייט אין גאָלד 11
די קושניע 13
יאָנטעף 16
די אַלטע 17
צו זיין דורכגעלויכטענקייט דעם
האַריפאַשניק 18
פּרוכט פון דר'ערד 26
באַנדורע־מאַן 27
הער נאָר, דו וואַלד! 28
אָרגיע 29
זיבן געהאַנגענע 30
ליד פון געפאַנגענעם 31
אַזוי צי אַזוי 33
בירא־בידזשאַן 34
צו דעם וואָס קומט אַף אַ פערד 38
אַ נדבה 40
ניויאָרק באַנאַכט 41
צוויי ברידער 43
בעטלער דע־לוקס 44
די תפלה פון אַ פאַרטומעגעם מענטשן 45
דער טעלעסקאָפ־מאַן 46
דערקענטעניש 47
ר' שלמה'לע ספרדי 48
אונזער דרוקעריי 49
מיין בעטלערזאַק 50
והלא מי־רגלים יפים לך 51
אין לאַנד פון פרומע זימפלאַך 52
לעצטער פלאַטער 54
עס וויאַנעט אַ באָבע 55
האזינו השמים 56
גלויבט'ס מיר 57
אַ סוחר זינגט 58
מאַי פעיר לעידי 59
וואָס אמת איז אמת 60
בהמהלע 61
גאָט פון יצחק 62
דער באָקסער 64
זאָל איך זאָגן אַז 65
דער גאָלדוואַכער 66
די באָדקעסלען פון גן עדן 67
יום הדין 68
אַף דיין פנים 69
אין שרעק פאַרן מאָרגן 70
לידער מיט רוימישע ציפערן 71

ליבע

אַפן האַלבן בעט 76
פייער מיט פייער 77
סוף כל סוף 78
מיין שאָטן 79
אַנאַ דע סעוויל 80
דאָס מיידל ביים ים 81
קיאַמישאַ 84
לייב־זעליק 85
„ווען נייטהוד וואָז אין פלאוער" 86
פּראָוואַנס 87
אַ לייב שטאַרבט 88
מיין פורים־הונט 89
טויטנטאַנץ 90
דאָס ליד פון ליכטיקן פּאָדעם 91
קאָראַ 96
אַפן פאַרם 100
אַגנעס 101
צוויי קישנס 102
ביי מיין שניידעריי 103



לעבן

איך און משה לייב 106
טאַמדאָבּרע 107
דירה־געלט 108
עקצע נאַדיר 109
ווײַמוט און ווערמוט 110
מידקייט 111
אַ האַלז אַף אַ האַלז 112
אַן עלענדער קוימן 113
גאַראַיעוו 115
יאָר ניינצן צוואַנציק 120
חול המועד 121
נאַטור מאָרט 122
ווי אַפּן וואַסער 123
דעקאָראַטיווער וואַסערטרעגער 124
קראַקאַטאָא 125
גוטמאָרגן דיר, וועלט! 126
צער בעלי מאָוועס 127
ווײַן ווײַב און טרערן 128
האָהענשוואַנגוי 129
מינכען 130
אין דער מדבר 122
לײַדיקע פּאָטשטן 133
לידער־שטאָף 134
מײַנע שיפן 135
שלאַנגען 136
אַ מאָנומענט 137
בּיקאָן, נ.י. 138
סי־געיט 140
„סטאַנציע סאסקוואַהאַנאַ" 142
די רויטע שמחה 143
מײַן טעלעגראַף־פידל 147
קלינגל־ווינגל 149
דעם לעבן אַ לויב 151
אַ דריטער 152
מענטשן זאָגן 153
אין ברוקלין 154
על־גיל און גיל־גלאַן 155
שטיל ווי טוי 156
אין ביבליאָטעק 157
אַ קינד שלאָפט 158
מײַן שטאַם 159
מזרח לידער 164
יוכינטשע בן איקרא 168
צינא 169
ניוניאָ 170
אַלטע ליריק 171
מיט וועלכן שליסל? 172
הײַנט באַנאַכט 173
ווײַס ברויט 174
ושתי 175
אַ דור גייט אַ דור קומט 176
פידלען און פעכערס 177
די שעה 178
גאַל און גאָלד 179
זעלנער גייען 180
קוראָפּאַטקאַלע 182
אַ וועגעלע שאָטנס 183
בּיכער 184
מײַן מאַסקע 185
סעפּטעמבערגאָלד 186
ליקעירן 187
דערווײַל 188
צום גאָט פון היינריך היינע 189